# דער גואל

דאס איז

איינע ווארע געשיכטע וואס איז גישעהען אין דער שטאט פראג מיט דרייא הונדערט יאר צו ריק · עס קומט דא פאר וויא דורך איין געוויסין ר׳ מרדכי כהן בן גרשון וואס ווער דער פאטער פון דעם גאון ר׳ דוד גאנז דר בעל המחבר פון צמח דוד איז גישעהען איין גאולה שלמה פאר דיא פראגער אונ בעהמער יודין אין דיא צייטען פון דעם קייזער פערדינאנד וויא דורך מרדכי בן יאיר אין דיא צייטען פון דעם קיניג אחשורוש · איך האב עס מעתיק גיוועזן פון דעם ספר ספורים · זיא איז זייער שיין · אונ אויך ניט קליין · זייער ריכטיג · אונ צוא גלייך זייער וויכטיג :


## ווילנא

בדפוס של ר׳ אברהם יצחק דווארזעץ.

שנת תרכ״ו לפ״ק

ДЕРЪ ГОЕЛЪ,

т. е.

Избавитель.

ВИЛЬНА

въ Типографіи А. Дворжеца, 1866 г.

# דער גואל

שם בעיר פראג) דארט אין דער שטאט פראג האט זיך געטראפען · דאס מיט דרייא הונדערט יאר צו ריק אין אשיינעם זומער טאג גאנץ בעגינען · אלס דער גאנצער עולם ווארען נאך אין דיא בעטען · אונ אין דיא גאסען וואר נאך קיין מענטשין צו זעהען לבד בייא דעם ברעג פון דעם טייך מאלדווי וואס וואר דארט זייער קאבענד פון דיא פישער וואס האבען דארט געווארט אויף דיא אידעשע קונים · דען עס וואר דיזער טאג פרייטאג · האט זיך דאן געטראפען · דאס איין אלטער פישער וואס איז ארוים געגאנגען אקארסט פון זיין שטיבעל · האט ער גיזאגט צו זיין איגעל „האנס · גיב אכטונג דא אויף דעם נעץ מיט דיא פיש דאס ער זאל שוין זיין אין ברייטשאפט דען איך זעה שוין פון ווייטען דאס עס גייט דער אידעל מרדכי וואס ער איז אונזער בעסטער קונד" (סוחר) :

ובן) אונ אזו וואר עס ווירקליך · דען אין אפאר מינוטען ארום איז צו געקומען אמענטש צו דעם פישערס שטיבעל וואס עס וואר זייער לייכט צו דער קענען אים אן דעם געלען צייכען וואס וואר אויף זיין לינקען ארבעל דאס ער איז איין יודע *) דאך אבער איז גיוועזן דייטליך צו מערקען דאס ער איז קיין פשוטער מענטש · ער האט אויס גיזעהען בערך פון עטליכע אונ דרייסיג יארען · זייער געזונד אונ הויך · זיין געזיכט וואר זייער שיין אונ איידעל ארום גיוואקסען מיט אשווארץ זיידענעם בארד וואס איז אים אראפ

גיהאנגען

*) אין יענע יארין האבין דיא יודען געמוזט אין יענע לענדער טראגין איין צייכען אויף דיא קליידער (אגעלע לאטע) דאמיט מען זאל זייא דער קענען אין דיא גאסין אונ מען זאל זייא קענען מבזה זיין וויא ווייט דאס הארץ געלוסט :

Y 3165.26
JLM3165.26
Harvard College Library
Gift of
LEO WIENER,
Nov. 16, 1898.
JG 78.1.14

Дозволено цензурою. 7 Декабря 1866 г.
Вильна.

HIS CHARITABLE DEEDS



גיהאנגען ביז דער ברוסט · זיינע צוויא קויל שווארצע אויגען האבין ארויס געבליצט פון אונטער זיינעם קלאר ווייסען אונ געוועלבטען שטערין וויא צוויא פייעריגע אונ גלענצענדע שטערין פון דעם טיף גיבויגענעם ריינעם הימעל אין איינער דונקעלע ווינטער נאכט · אונ וואלטען מיט זייער גלאנץ אונ בלאסק, זייער לייכט קענען בלענדין דיא גענזינטעסטע אויגין פון דעם געזינטעסטין מענטשין וואס האט נאר אין זייא אריין גיקוקט ווען זייא וואלטען ניט גיוועז בעשאטענט מיט געדיכטע אונ לאנגע שווארצע ברעמען · קורץ דער פון עס וואר פון אלע דיזע סימנים גינוג דייטליך גיוועז צו דער קענען דאס דיזער איז באמת איין פיינע בריה אונ איין מאן פון גרויסער עהרע · וואס קימערט זיך זייער פיל אום דיא (צרות הכלל) וואס האבין דאן זייער שטארק געדריקט דארטין דיא אידעשע געמיינדע אונ וואש ער זעלבסט וויא דיא איבעריגע ברידער זיינע זיינען דארט ביי דעם גאנצין פאלק ללעג ולקלס · דען וויא מיר האבין שוין דא דער ציילט וואר ער אויך געצייכענט מיט דער געלער לאטע · „גוט מארגין הער מאטייעס" האט זיך דער איד אפ גירופין צוא דעם פישער „איך בין פאר געווים היינט אויך דער ערשטער קונד" „ריכטיג מיין הער" האט אים דער פישער גיענטפערט איך ווינץ אייך דאס אזו ביז אייערע זיביציג יאר זאלט איר אזו אלץ אליין איין קויפען וואס איר ברויכט · נאר איך ווייס ניט וואס איר קומט אזו פריא · ווען איר זאלט אזו גאר צום לעצטין קומען וועט איר ביי מיר אויך ניט פאר זאמען דיא בעסטע פיש · דען איר זייט ביי מיר דער בעסטער קונד אונ קלייב שוין אזו אפ פאר אייך דיא בעסטע העכט · איך מיין אבער ניט דער ביי דאס איך טוא עס נאר הייל איר דינגט זיך ניט מיט מיר · „ניין" דאס איז עס נאר וויל איך ווייס דאס איר קויפט דיזע פיש נאר צו ליב דעם הוילען (לכבוד שבת) אליין · איר קאכט עס זייער גוט אונ שיקט עס פרנאנדער צוא ארעמע מענטשין · אונ דאס זעלביגע טוט איר מיט פלייש · דאמיט זייא זאלין עס עסין פרייטאג צו נאכט·





דא ניט לאנג האט מיר דר הויקערדיקר איציק דער שמש דר ציילט דאס אלס ער איז גיקומען פרייטאג צוא נאכט פון שול אהיים זייער טרויעריג · אונ האט זיך גיזעצט מיט ווייב אונ קינדער ארום אליידיגין טיש · אונ דיא קליינע האבין גישריען מיר בעטין קיין חלה נאר ברויט אשטיקעל דען עס הונגערט אונז דאס עס האט אים ממש דאס הארץ אויס גשפארט פון גרויס קלעמענס האט זיך פלעצליך די טיר אויף גימאכט אונ איין דינסט מויד פון דעם איידעלין ר' מרדכי צמח האט ארין געבראכט אפאלומישאק פיש · אבעקין פלייש אונ חלה · נון איז עס אביסיל גיווארין אפריידע דאס דיא קינדער האבין גיטאנצט · אונ דיא ווייב האט געוויינט אויס דאנקבארקייט (אויס דאנק) · נון זעהט איר מיין ליבער ר' מרדכי דאס הייסט ביי מיר אמצוה דאס גיפעלט מיר זייער פון אייך · אונ נאר דער פאר בין איך אייך (נוהג כבוד) גלייך וויא איר וואלט גאר קיין איד גיוועז :

ויצחק) נון האט דיזער ר' מרדכי ביי זיך גילאכט איבער דיזען קאמפלימענט פון דיזעם פישער · אונ האט צוא אים גיזאגט „ליבער הער מאטייעס" איך בין אהער ניט גיקומען אום דיא צייט צו פאר פלוידערין · דען איך האב פיל וואס צו טאן גיט מיר אהעכט נור דעם בעסטין איך פאר לאז מיך אויף אייך :

ויעש) דא האט דער פישער אויס גיזוכט דאס בעסטע שטיק אונ דער ר' מרדכי האט בעצאלט דעם פישער וויא פיל ער האט פארלאנגט אונ האט דר צו צו אים גיזאגט „דעם פיש וועל איך אליין אהיים אוועק טראגין · נאר שפעטער זאלט איר מיט אייער אינגעל אונטער שיקען דריא קלענערע פיש · מיין ווייב וועט זיין דאן אין דער היים אונ זיא וועט שוין בעצאלין" :

„אוי" האט זיך אפ גירופין דער פישער איך זעה שוין דאס דער שמש איציק איז קיין ליגנער — נאר גיט אכטונג היינט איז שוין שיר איין אנדערער פריער פאר אייך גיקומען · דען זעהט דא לויפט עפעס איינער אהער צו מיין שטיביל פר גיווים אום אויך פיש צו קויפין":

אך) נאר אבער דער פישער האט זיך טועה גיוועזן דען דיזער מענטש איז פאר בייא אים פאר בייא גילאפין אונ האט זיך גאר ניט נאך אמאל ארום גיקוקט אויף זיין שטיבעל אונ איז זיך אזו אוועק אויף דיא בערגלאך וואס ציהען זיך ביי דעם ברעג טייך· דער ווייל האט דער ר' מרדכי זייער גוט בעטראכטעט דיזען מענטשין אונ האט אים אן געמערקט דאס ער איז נאך איין יונגער מאן צום העכסטין קוים פינף אונ צוואנציג יאר אלט· אונ נוייזט אויס צוא זיין פון גרויסין אדעל (פאמיליע)· זיינע קליידער האבין אויס גיזעהן מעהר הייגענד ארום אים אלס אן גיטאן· זיינע האר ווארין צוא בארשטען· זיין געזיכט בלייך· דיא אויגין ווארין אזו וויא בלאה אונטער גישלאגין· אונ פון זיינע ציטערענדע ליפען וואר זייער לייכט צו פאר שטיין דאס זיין הארץ איז העכסט פאר ביטערט „איך האב פאר געווים קיין טעות" האט זיך אפ גירופין דיזער ר' מרדכי „ער איז געווים איין אונגליקליכער" נון האט אן גיהייבין דיזער ר' מרדכי נאך צו גיין נאך אים מיט ברייטע שפרייזין אום צו דער יאגין אים אונ האט אים גיגרייכט אויף איין בערגיל וואס וואר הארט בייא דעם ברעג· ער איז אויף אים גישטאנען אום גיווענדעט מיט דעם געזיכט צו דעם וואסער אונ וואר אזו פאר טיפט אין גידאנקען דאס ער האט גאר ניט גיהערט דאס דער ר' מרדכי איז אן גיקומען· אונ האט גיהאט דורך דם אגוטע גלעגענהייט איין צו הערין זיך די ווערטער וואס דיזער יונגער מאן האט מיט זיך זעלבסט גישפראכין דאס ער האט גיקענט פון זייא זייער לייכט שליסען דאס ער האט ווירקליך געטראפין דאס ער איזט איין אונגליקליכער „א אזו מוז איך שטארבען· האט דיזער יונגער מאן גיזאגט מיט א ציטערינדע שטימע אזו מוז איך אוועק פון דער וועלט יונגערהייד· פון דיזער וועלט צו וועלכער איך בין נאך צו גישמיט מיט דיא קייטען פון ליבשאפט· איך מוז מיר אזו זעלבסט מיין לעבין נעמען· אויב וואול איך וויים דאס דאס וועט מקצר ימים זיין מיינעם אלטען פאטער דאך איז עס אים אסך גלייכער אלס ער זאל

דארפין



דארפין שטארבין פאר שאנדע זעהענדיק דאס מען פירט זיין איינציגעם קינד אין קייטין וויא איין פראסטען באנדיט וואס מען שיקט אפ אין טורמע· אוי קען איך דען לייקענען אונ זאגין דאס איך בין ווירקליך איין ערליכער מאן? שטארקער גאט! אונד דאך ווייסט דוא דאס איך בין אונשולדיג· איין בייזער מענטש האט זייער שלעכט בענוצט מיין צו טרויען צו אים· אוי איין פאלשער פריינד האט מיך פארשווינדעלט בעטראגין· פאר דער וועלט אבער בלייב נור איך דער בעטריגער· פאר דעם משפט בלייב איך דער דיב (גנב)· איך האב פון קאזנא געלט געשטאלען (גיגאנבעט)· איך האב אויסגיבראכט איין פערמעגין וואס מען האט אויף מיינע הענט אן געטרויט· קורץ דער פון איך בין אגנב· ניין פיל שלימער נאך אלס איין גנב· דען אגנב צו ברעכט נור אשלאס· גאנבעט זיך אריין נור ביי נאכט· מען קען זיך נאך געגין אים ווערין· איך אבער האב געשטאלען פון דעם קייזערם אוצר וואס מען האט מיר אנגעטרויט איך האב מיין נאמען איינגעשמירט דאס איז דער נאמען פון מיינער פאמיליע וואס גלענצט שוין עטליכע הונדערט יאר אין דיא קראניקעס פון אונזער פאטערלאנד· איך האב דעם גרויען קאפ פון מיין איידעלין אונ ערליכען פאטער וואס דינט דעם קייזער אזו אצייט זייער שענדליך בעשמוצט· אונ דאך בין איך אונשולדיג· איך ווער נאר געאפפערט (קום אום) דורך דיא גוטצקייט פון מיינעם הערצען· דורך מיין צוטרויען צו יעדען· אונד דאס איז מיין גאנצער טראסט דאס באמת בין איך פארט איין ערליכער מאן· עס זייא אבער וויא עס איז צו ערליך צו אונערליך· איך מוז מיך פון דעם לעבין שיידין· א שיינע וועלט לעב וואול· זאיי מיר געזונט דוא מיין פאטערלאנד איך זעגען זיך מיט דיר· אונ דוא גאט וואס דוא הייסט רחום וחנון· זייא דיך מרחם איבער מיין זייל אונ פערציהע מיר אלע מיינע עונות· שיצע מיינעם פאטער אונ מיינע העלענען· לאז זייא זיין געזונד אונ גליקלאך:

ובדברו בזאת) אונ וויא ער האט עס אזוי גערעט האט ער

דעם

דעם פלאסץ פון זיך אראפ געווארפין · און האט געוואלט אין
וואסער שפרינגען · דא האט אים דער ר' מרדכי געזאגט גוט מארגען
מיין ליבער הער וויא איך זעה ווילט איר אייך דא באדען · פאלגט
מיר און טוט עס ניט · דען דער וואסער איז דא זייער טיף און
זייער שטראמיג · עס איז דא זייער געפערליך · דא האט זיך דער
יונגער מאן זייער דער שראקין און האט זיך אזו ארום גיקוקט און דאן
איזט גיווארין זיין בלייכער פנים זייער רויט · ער וואר אזו צו מישט
דאס ער האט שוין ניט גיקענט רעכט ריידען נאר שטאמלען און האט
אים גיפרעגט וואס ער וויל דא פון אים · „וואס זאל איך וועלין" האט
דער ר' מרדכי גיענטפערט איך וויל האבין דאס איר זאלט ניט טאן
וואס איר האט איצונד בדעה צו טאן · דען עס דויערט מיר אייער
יונגעם לעבין און פיליכט האט איר נאך עלטערין און פיליכט
זייט איר נאך ביי זייא אבן יחיד וואס זייער לעבין איזט אנגיבונדען
אן אייער לעבין און פיליכט האט איר נאך אכלה אדער א ווייב ·
נון ווילט איר אויף איין מאל אלע דיזע טייערע זאכין מקבר זיין
אין דיא וועלען פון דיזעם טייך מאלדווי :

(לב האדם) דעם מענטשינס הארץ איזט געגליכען צו איינער
אנגעשטימטע (אנגעשטרויעטע) הארפע · אזו וויא זיא קלינגט ארויס
דיא שענסטע טאנען דורך דעם הויך פון דעם שוואכסטען ווינטעלע
וואס ווייהעט אין איר אריין · אזו הילכט אפ אין איין איידעלעם
הערצען דיא פריידען און דיא ליידען זעלבסט פון אייגעם און בעקאנטען
פון איינעם ווילד פרעמדין און בפרט נאך אין אזו איין מענשין
פריינדליכעם הערץ וויא דער ר' מרדכי וואר · וואס האט שוין
אין זיינעם לעבין גענוג געליטין און גינוג צרות אויס גישטאנען און
וואר שוין זייער געניט · און בעוואונדערט אין אלע קרומע גיינגע
פון דעם מענטשענס הערצען · דאס מיט רעכט האט מען אים געקענט
רופען „איין עכטער מענטשען קענער" און דאהער האבין דיזע רייד
פון דיזעם יונגען מענשען זייער פיל גווירקט אויף דיא איידעלע
און

PREVENTS HIS SUICIDE



און פריינדליכע געפילע פון זיין איידעלעם הערץ · ער וואר
העכסט גערירט און האט ביי זיך בעשלאסען · דיזער יונגער מאן
קען מיר קאסטין וואס עס וויל · און וויל אים אפ האלטען פון דיזעם
אונגליקליכען פלאן · נון האט ער זיך געמאכט אזו גלייך וויא ער
וואלט גאר ניט וויסין דאס דיזער יונגער מאן וויל זיך מאבד עצמו
לדעת זיין (דאס הייסט זיך זעלבסט מארדען) און האט מיט דעם יונגען
מאן אזוי זאנפט (גוט) געשפראכען דאס דער יונגער מאן האט
שוין גאר ניט גיקענט אן אים מערקען דאס ער וויים שוין פון זיינער
גאנצען לאגע און איזט דאך פון דעם ר' מרדכיס רייד אזו וויט גירירט
גיווארין דאס ער האט זיך פון איינאנדער גיווינט און עס איז אים
פיל לייכטער גיווארין אויף דאס הערץ · און דער ר' מרדכי וואס איז
ניט גיוואונט צו טאן איינע האלבע זאכע נור · האט אים ניט אפגילאזט
און האט צו אים ווייטער גיזאגט „נון מיין ליבער הער וויא איך זעהע
איין פערשטייט איר שוין פון זעלבסט דאס עס וואר איין גרויסע
אונרעכט פון אייך גיוועזן צו וועלין זיך באדין אין אזו אגיפערליכען
ארט · איך דאנקע אלזו גאט וואס ער האט מיך אהער גיבראכט דאמיט
איך זאל אייך פון אזו איין אונגליק אפ האלטין · נון מיין ליבער הער
ווען איך זעה שוין איין פון אייערע טרערין דאס איר זייט ווירקליך
איין מאן מיט איידעלע געפילע דען איך זעהע דאך וויא ווייט איר זייט
גערירט גיווארין פון דיא רייד וואס איך האב דא אייך דער מאנט אייער
פאמיליע און דאס גלייכען נעם איך מיר שוין דיא פרייהייט אום צו
בעטען וואש פון אייך איך האפע איר וועט עס מיר ניט אפ זאגין :

(ויבט) דא האט דער יונגער מאן דעם ר' מרדכן אן געקוקט
זייער ביטרע און האט אים ניט גיקענט איין ווארט ענטפערין · ביז
ער האט אין אים איין גיזעהען דאס ער איזט איין איידל מאן און
בפרט נאך דאס ער האט זיך דער מאנט אן זיינע צוקער זיסע
דבורים וואס ער האט מיט אים ביז אהער גירעט · און דאן האט ער
צו

צו אים גיזאגט „יודע · ביטע אונ פערלאנגע פון מיר נור וואס אין
מיינער מאכט איזט צו טאן וועל איך דיר אלץ טאן״ :

„ליבער הער״ האט צו אים ר׳ מרדכי גיזאגט · איך ברויך אן צו
געבין איינע נייטיגע פראזבע אין דעם היגין מאיסטראט · איך קען
אבער ניט שרייבין אליין · נון בעט איך דיך דאס דוא זאלסט דיא
גיטע האבין צו גיין מיט מיר אהיים אונ מאכין מיר דיזע פראזבע · עס
וועט דאס ניט לאנג דויערען איך וועל אייך פר אייער מיהע בעצאלען
אונ מיר וועלין זייא ציינען מיט דעם אגרויסע גיפעליגקייט דען זאנסט
פערליר איך דער בייא אגרויס פערמעגען אונ איך וועל אייך דיזע
טובה קיין מאל פערגעסין · דען איך מוז איר פארטיג האבין ביז
זייגער ניין · „ביז זייגער ניין״ האט זיך דר יונגער מאן אפגירופן ציטערינדיק
אם גאנצען לייב „יוא מיין ליבער הער״ האט אים דער מרדכי
גיענטפערט אונ נור גראדע איר קענט עס מיר מאכען איצונד דען
אלע שרייבער שלאפען נאך · אונ ווידער איך האב צו יענע
וועלכע איך קען קיין צוטרויען · נון בעט איך אייך קומט מיט מיר
„גוט מיר גייען״ האט אים דיזער יונגער מאן גיענטפערט דאך אבער
זאל עס מעהר ניט וויא ביז ניין געווערען דען איך האב פר זיך
אויך פילעס צו בעזארגען אונ אזוי זייען זיך דיא ביידע מענשען
אוועק גינאנגען אין דער אידעשע גאס :

בבואם) אלם זייא זייען געקומען אין דער אידעשער גאס
וואר שוין דארט דער עולם אויף אונ וואך אונ עס האט שוין
געקאכט אין אלע ווינקעלעך אונ וואו מען האט זיך נור געווענדעט
האט מען אלץ בעגעגינט פריילינע געזיכטער אונ דאס וואר אלץ
צו ליב דעם ערב שבת דען אין יענע צייטען וואס דער איד וואר
זייער פערדריינגט אונ פאר יאגט פון זיינע קריסטליכע ברידער
וואר ער פיל מעהר הייסער צו זיין אמונה אונ וואס מעהר דיא
רעגירונגען פון יענער צייט האבין אים געהאסט וואר אונטער דיא
אידעשע געמיינדען אלץ מעהר אחדות אונ בפרט דאס דער איד
וואר



וואר נאך געצוואונגען געוועזן צו וואונען אין איין בעזונדערען קווארטעל
וואס מען האט עס גערופען גהעטטא. וויא היינט למשל אידעשע
גאס נור עס וואר איין געשלאסען מיט מויערען אונ מיט טויערין ·
אונ וואר אזוי אפגעזונדערט פון דער גאנצער וועלט נון וואר אים
דיא גהעטטא זיינע רעזעדענץ זיין ירושלים אונ דיא תורה וואר
אים זיין גליק · זיין שטאלץ · איין נייעם פשט צו ענטדעקין אין איר
וואר אים פיל וויכטיגער אלס דיא ענטדעקונג (געפינונג) פון
אמעריקא אונ האט אלזוי געפארשט דיא (ספרי קודש) מיט גרויס
פערגעניגען. אונ האט מקיים געוועזן יעדער מצוה מיט לוסט אונ מיט
פריידע · דער שבת וואר אים ליב אונ זיס וויא דער (גן עדן) אונ
דער פרייטאג וואר אים שיין וויא דאס פאר הויז פון דעם גן
עדן אדער וויא איין פאר געשמאק פון איינער געטליכע שפייזע :

אין מיטען גאס זיינען געשטאנען מיידליך וואס האבין פאר
קויפט קראנצען בלומן אונ איטליכר איד האט עס גיקופט (לכבוד שבת)
לעבין יעדער בשמים קרעמיל לעבין יעדער וויינשיינקיל וואר אידעל
דען יעדער האט עס אלץ איינגעהאנדעלט צו קידוש אונ צו הבדלה ·
אמייל אידען זיינען גילאפען אין שול מיט דיא תפילין זעקעליך אום
צו דאוונען אונ אמייל ווידער זייען שוין גינאנגען צוריק פון דאוונען ·
דען זייא האבין שוין גענאוונט (ותיקין) אונ וואהרען שוין אויך בייא
דעם טייך אונ האבין שוין איינגיהאנדילט פיש אונ טראגין שוין
איינגעוויקעלט אין ווייסע פאציילקעס · אונ אזו וואר צו זעהען אויך
מיידכען וואס טראגין רויטע חלות אויף לאקסען ברעטער צו דעם
בעקער · אונ אמייל האבין גיטראגין עופות צום שוחט · אונ יאטקע
אינגלאך האבין געטראגין קאסיקעס מיט פלייש אין דיא גרידעשע
הייזער · קורץ דער פון עס וואר אזו איינג דאס דער ר׳ מרדכי
מיט דעם קריסט האבין זיך גיקאנט קוים דורך דרינגען · דעם ר׳
מרדכן האט דיזער גערודער העכסט געפרייט · דעם קריסטען
אבער האט עס זייער געקריינקט · דען דא ערשט פאר איינער
האלבע

the bustle of Jews preparing for שבת

האלבע שטונדע האט ער דאך גיוואלט פון דעם לעבין זיך שיידין דען ער וואר אים צו לאסט · אונ איצונד זעהט ער אים פאר זיך אזו ליב אונ טייער זעלבסט ביא אזעלכע מענטשען וואס זייער בעסטער לעבין וואר דאן פיל שלימער אלס דאס עלענדסטער לעבין פון איינעם אונגליקליכסטען קריסטען · דען אלעם לעבט אונ וועבט דא :

ויהי כבואם) אונ עס וואר אלס זיא זיינען שוין געקומען לעבין ר' מרדכס וואונונג · האט ער אים אריין געפירט צו זיך אין שטוב דורך שמאלע טרעפלאך · אונ עס וואר דארטן באיי אים אויך אזו אגרויס גערודער וויא אין גאס · דען מען האט גיקאכט· גיבאקין · גיבראטען · אין דער רייניער שטוב וארען נור הויליע וענט · אונ דארטין איז גיזעסין דיא ביילע דעם ר' מרדכס וייב וואס האט גילאזט דעם היינגלייכטער אונ דיא לוסטרעס פוצען · צוויא קליינע קינדער אאינגעלע אונ איין מיידעלע זיינען אים ארוים געלאפין אנטקעגין אונ האבין אים גיקוסט דיא הענט. „וואס איז דיא מעשה מיט דיר ?" האט אים דיא וייב גיפרעגט . „וואס דוא האסט דיך היינט עפעס אזו געזאמט ?" „איך האב מיך איין עטוואס גידארפט פארזאמען" האט ער איר גיענטפערט „דער פאר אבער האב איך דיר איין גאסט גיבראכט" נון האט דיא ביילע געגריסט דעם קריסט · אונ דאן האט דער ר' מרדכי אריין גיבעטין דעם קריסט צו זיך אין שטיבעל · אונ אלס ער האט דיא טיר צו גישלאסין אונ האט דעם שליסעל אריין גילייגט צו זיך אין קעסטענע אונ האט אים גיבעטין זיצין האט אים דער קריסט גיבעטין דאס ער זאל קיין שיעות מאכין ער זאל אים געבין טינט אונ פעדער אונ וועט אים שוין זיין ביטשהיפט מאכין וואס צום גיכסטין דען ער האט גאר קיין צייט · דער ר' מרדכי אבער האט אים גיענטפערט „ליבער הער איך ברויך ניט אייער שרייבין · דען איך קען אזו שרייבין וויא איר" „נוא צוא וואס דען האט איר מיר אהער פאר

פירט .



פירט" ? האט אים דער קריסט גיפרעגט. „ווייל איך האב אייך גיוואלט ראטעווען" האט אים דער ר' מרדכי גיענטפערט · דא איז דער יונגער מאן אויף גישפרונגען פון גרויס צארין. „בלייבט דאך רוהיג" האט אים דער ר' מרדכי גיענטפערט. „איך האב גיהאט דאס גליק צו הערין אייערע ווערטער וואס איר האט גירעט מיט זיך אליין נון בין איך שוין גינוג קלאר אין אייער אונגליק · נון זייט איר אין טעות וואס איר מיינט דאס מען קען אייך שוין דער צו גאר ניט העלפין דאס איר מוזט אייך זעלבסט איבער פירין זאגט מיר וויא פיל געלט דארפט איר אום צוא רעטירען אייער עהרע אונ אייער נאמען :

וישתאה) דא האט זיך דער יונגער קריסט העכסט פאר וואונדערט איבער דיא רייד פון דעם יודען · דען ער האט ניט גיוואוסט וואס ער מיינט דא דער מיט · פר געווים וויל ער דא מיט אים איין שפאס מאכין · אדער איז עס גאר איין טרוים אונ ווייטער ניט · דא האט אים דער ר' מרדכי גיענטפערט אונ גיזאגט „וואס קוקט איר מיך עפעס אזו פאר וואונדערט אן · ביא דעם ערסטין אן בליק אלס איך האב אייך דער זעהען לייפענדיק פאר ביא דעם פישערס שטיביל · האב איך שוין אן גימערקט אן אייך דאס איר זייט איין אונגליקליכער אונ לויפט צו דעם ברעג אום צו דער טרינקען זיך נור · נון בין איך אייך נאך גיגאנגען אונ גיהערט אייער גאנצין ווידוי וואס איר האט גיזאגט שטייענדיג גיקערט מיט דעם געזיכט צו דעם מעהר · אונ וויים אלזוי אייער גאנצין אין האלט אונ בין אין שטאנד אונ אזו אויך אין בעסטין ווילען אייך צו העלפין ווייל איך פאר שטייא שוין דאס איר אליין זייט קיין פאר ברעכער (וינדער) גאר איין לייכט זיניגער (קל הדעת) :

כן הדבר) „עס איז אזו ליבער פריינד" האט אים דער יונגער מאן גיענטפערט. „מיין זינד איז נור וואס איך האב גיגלויבט איינעם גוטין פריינד וואס איך האב אים גיוואלט רעטירען · אונ האב דאס

כאזאנע

קאזאנע געלט געליהען און האב מיך פאר לאזן אויף זיין שבועה בייא זיינעם (חלק לעולם הבא) מיר דאס געלט נאך נעכטיגן טאג אפ צו געבין · דען געסטערין וואר דער טערמין און איז געסטערין ניט גיקומען · נון הייסט עס דאס ער האט מיך אפ גינארט בעטראגין און פאר שווינדעלט · און צום אונגליק איז מארגין פערווי צעסלא נון מוז איך היינט איין רעכענונג פון דער קאסע אפ געבין · און וויא מיר ווען מען וועט זעהן דאס עס פעלט געלט אזו אגרויסע סומע מען וועט מיך פער געוויס ניט שוינען מען וועט מיך איין זעצין · פון דינסט ענטזאגען · און ווער ווייסט וואס נאך מער · · · קורץ דער פון דיזער אום גליקליכער איז פון גרוים קלעמענעס שטיל גיבליבין · דאס ער האט שוין ניט גיקענט אוים ליידין אלע זיינע צרות :

הכי) איז דען דיא סומע אזו גרוים״ ? האט אים דער ר׳ מרדכי גיפרעגט „אה זיא איז זייער גרוים״ האט אים דיזער יונגער מאן גיענטפערט און בעזונדערס נאך פאר מיר וואס איך בין פון גרונד אוים זייער ארעם · מיינע עלטערין וואס זיינען אפילו גרויסע אדעל לייט (סלאחטעם) לעבין זייער ארעם · מיין פאטער האט אצייט געדינט אין מיליטער (וואיענע) · און אלעם ער איז גיווארין שוואך פון עלטער און פון דיא גרויסע וואונדען (ראנעס) וואס ער האט בעקומען אין דיא שלאכטען האט ער אום גיביטען דעם שווערד אויף דיא פעדער און איז גיווארין אלזו איין קאסירער (קאזנעצייא) אין קאזאנע פאלאטע · ער האט זיך בייא דיזער שטעלע אבער גאנץ ווייניג איין גיהאלטין · דען עס האבין אים גישטערט זיינע וואונדין דער צו · זייא פלעגין זיך צו עפענען דאס ער פלעגט מוזין בלייבין צו ליב זייא אין בעט · און האט אוים גיבעטין בייא דער רעגירונג דאס מען זאל מיך זיין זון אייף זיינער שטעלע זעצין · און איך האב עס איבער גינומען נון לאזט זיך אוים וויא איר ווייסט שוין דאס איך האב מיך מיט דעם געלט ניט ארענטליך בעהאנדעלט דארט · נאר

העטע



העטע איר גיוואוסט וויא דיא זאכע איז זיך אבער דארט דער מיט צו גיגאנגען וואלט איר מיר פאר געוויס גירעכט גימאכט · דיא זאכע וואר אזו · איך האב גיהאט איין יונגער פריינד (קאמראד) וואס מען האט אים גירופין „אלבערט״ מיר זיינען שוין בעקאנט איינער מיט דעם אנדערין נאך גייענדיק אין שול און זיינען אלזו גוטע פריינד גיבליבין ביז געסטערין · דען גייענדיק אין דעם אוניווערזיטעט האט ער גיטאן גרויסע (חסדים) מיט מיר · און האט מיר אזו וויט גידינט דאס ענדיגענד אונזער שטודיום האבין מיר אונז דיא הענד גיגעבין דאס (כל זמן) מיר וועלין לעבין זאלין מיר גידיינקען דיזע פריינדשאפט · און העלפין איינער דעם אנדערין אין דער נויט · און איך האב אלזו דינע פריינדשאפט זייער פיל מאל בענוצט אין דער צייט פון מיין פאטערס קראנקהייט דען וויא עס האט נאר גיפעלט בייא אונז אין שטוב געלט פלעג איך אריבער גיין צו אים · און ער האט מיר געליהען וויא פיל איך האב געבריכט און אלס מיין פאטער וואר אזו קראנק דאס מען האט געמוזט זיצען לעבען אים וואס איך האב דער צו גאר קיין צייט געהאט ווייל איך האב גימוזט אפ היטען מיין סלוזבע דא איז אלבערט לעבין אים געזעסין און האט אים אפ גיהיט וויא איין אויג אין קאפ און אזוי איז אונזערע פריינדשאפט אוים געשטאנען נאך אגרעסערע פראבע · מיר ביידע האבין אונז אמאל גישארכענט צו איינער כלה ווייל זיא וואר אונז ביידין גיפעלין · און דער נאך אלס מיר האבין אונז דער וואוסט דאס איינער שטייט דעם אנדערין אין וועג · האט זיך אלבערט אפ גיזאגט פון דיזער ליבשאפט צו ליב דיא פריינדשאפט זיינע צווא מיר · פאר אלע דיזע טובות זיינע צווא מיר האב איך אים נאך ניט איינע צו ריק אפ גיטאן · דיזע היילינע שולד (חוב) איז מיר גילעגין וויא אשווערער שטיין אויף מיין הארצין · נון האב איך גיזוכט איינע גוטע גילעגענהייט אים עס אפ צו דינען · נון האב איך עס מיט דער צייט בעקומען צו מיינעם גרויסין אונגליק

רען

דען פאראכטאגין איז דיזער פריינד מיינער אריין גילאפין צוא מיר מיט אגוואלד אונ האט גיזאגט צו מיר „דוא מוזט מיך רעטירין מיין פריינד · הען נאר דוא קענסט מיך רעטירין „אונ וואס ווילסט דוא“ ? האב איך אים גיפרעגט „זאג נאר אונ איך וועל עס טאן“ „איך האב נייטיג“ האט ער מיר גיענטפערט פינף טויזנט גילדין · איך מוז עס האבין דוא מוזט עס מיר בארגין · לייען · דען מיין לעבין מיין גליק הייגנט נאר אן דעם · „וואס רעטסט דוא מיין פריינד“ ? האב איך צו אים גיזאגט „דוא מוזט פאר געווים שפאס מאכין פון מיר · וויא קום איך צו פינף טויזענד גילדין · אונ ווידער צו וואס קענסט דוא עס געברויכין“ אלבערט אבר האט מיר גיענטפערט מיט אזו אפינסטערע אונ זויערע מינע וואס איך האב נאך ביז דאטע ניט גיזעהן · אונ האט גיזאגט „דאכט מיר דאס דוא קענסט מיך דער קענען אן מיין געזיכט דאס איך מיין ערינסט“ :

ומאין, אושיעך) „אונ וואו זאל איך עס דיר נעמען“ ? האב איך אים גיפרעגט „דוא ווייסט דאך דאס איך ארעם בין“ דער צו וואר מיר זייער ביטער אף צו זאגין אים דיא ערשטע בקשה זיינע :

ומה) „וואס“ ? האט ער זיך צו מיר אף גירופין דוא פאר שליסט אלע טאג אין דער קאסע הונדערט טויזנט גילדין וואס ווערין גאר ניט בענוצט · אונ דוא קענסט דאך נאך זאגין דאס דוא קענסט דיינעם פריינד קיינע פינף טויזנט גילדין דער פון לייען וואס דאס קען אים רעטין פון אלע נויטין :

ומה) „וואס רעדסטו“ ? האב איך אויס גישריען זייער צוא שראקין „וויא דוא קענסט מיך אן מוטהען דאס איך זאל רירען קאזאנע געלטין“ ? ער האט אבער ניט גילאזט מיך אויס הידין אונ האט גישריען פאר לאנג איך דען דאס דוא זאלסט דיזען סך גאנוועגען איך מיין דאך מער ניט דאס דוא זאלסט עס מיר אויף איינגע טעג בארגין „זייער רעכט“ האב איך אים גיענטפערט · איך ווייס דאס





דוא וועסט מיר דאס געלט צו ריק אפ געבין · איך פרעג דיר אבער צו איז עס אזו דיא גיזעצע דאס איין קאזענעצייא זאל פאר לייען קאזאנע געלט :

חבל עליך) „וויא גישריען איבער דיינע צו פיל ערליכקייט. האט ער זיך אף גירופין „וואס בעדייטעט אזו איינע אונשעדליכע איבער טרעטונג פון אזו אשוואכע גיזעצע אנטקעגין דיא פערזינדיגונג דיינע אנטקעגין אונזערע היילגע פריינדשאפט · נון מוז פאר גיווים זיין דאס דוא האסט (פחד) דאס איך וועל דיר דאס געלט צו ריק ניט אפ געבין · נון זאג אליין ביסטו ניט אום גירעכט וואס דוא דיינקסט גאר אזעלכעס פון מיר וואס איך האב אלץ אין דער וועלט פון דיינעט וועגין גיטאן · צו ליב דיר האב איך מיך אף גיזאגט פון דער העלענע פון מיין געליבטע כלה · איך האב איר מיט בלוט אונ מיט אשטיק פלייש אוים מיינעם הערצין געריסין“ אונ אלס איך האב אים נאך אמאל איין געווענדעט דאס דער זאקאן ערלויבט עס ניט · האט ער מיר גיענטפערט „וויא איך זעה איצונד איין איז דיא פריינדשאפט ביא דיר זייער וואלוועל · דיינע פאלשע עהרע וואס קען פילייכט וויא דוא מיינסט עטוואס דער פון ליידען איז ביא דיר פיל וויכטיגער אלס זיא אונ האט אלזו אוים געגאסען גאר דיא גאל זיינע אויף מיר“. „א אלבערט דוא לעכערשט מיר מיין הערץ מיט דיינע רייד נור“ האב איך אים גיענטפערט „בערעכין נור דאס עס איז נור אכט טאג צו פערווי ציסלא וואס אין אים ווערט דיא קאסע אלע מאנהייט גירעווידירט וועט דאן חלילה איין עטוואס פעלין דאן איז מיינע עהרע · מיינע פרייהייט : מיינע שטעלע · אונ אזו אויך דיא עהרע פון אלטין קראנקין פאטער אויף איין מאל פאר לארין דען איך וועל בעטראכטעט ווערין פאר איין פרעסטופניק (פאר ברעכער) אונ דוא ווייסט דאך וויא הארט עס ווערט בעשטראפט אזו איינגער וואס האט פאר שווינדעלט קאזאנע געלט :

בל תירא) „שרעק דיך ניט“ האט ער זיך צו מיר אף גירופין · עס

וועט דער צו ניט קומען ביז איבער אכטאג האט דוא דאס געלט
צו ריק · איך שווער דיר ביא מיינער עהרע ביא דער נשמה פון
מיינע גישטארבענע מוטער · איך וועל עס נאך אפ בריינגען מיט
אהאלבין טאג פריער פר פערווי ציסלא״ דיזער אלבערט האט נאך קיין
מאל קיין ליגין גיזאגט דאהער האב איך געמעגט זיכער אויף זיין
ווארט גלויבין אונ האב אלזו אים גיליען פינף טויזענד גילדין · איך
האב עס זעלבסט מיינעם פאטער ניט דער ציילט · א! הלואי וואלט
איך אים גיזאגט וואלט ער פאר גיווים מיר ניט צו גילאזין דער צו.
אלבערט האט צו גינומען דאס געלט אונ האט גישווארין נאך אמאל
דאס ער וועט עס צו דער רעכטער צייט צו ריק אפ געבין · אונ
אלס איך האב אים גיפרעגט צו וואס ברויכט ער עס דאס געלט ·
האט ער מיר גיענטפערט דאס מיט דער צייט וועט ער עס מיר דער
ציילען דער ווייל איז אים נייטיג זייער גיך אוועק צו פארין אונד
קומענדיק וועל איך שוין אלץ וויסען פון אים :

וכצאתו) אונ וויא ער איז נאר ארוים פון טיר האב איך אויף
דער שטעלע חרטה גיהאט וואס איך האב עס גיטאן נאר עס וואר
שוין צו שפעט · די גאנצע אכט טעג האב איך ממש גאר ניט
גילעבט · וויא איינער האט נאר גיעפענט די טיר פון מיינער
קאנצעלאריע האט זיך מיר געדוכט דאס מען גייט רעווידירען די
קאסע · האט איינער פון די גרעסערע ציגאווניקעם אקוק גיטאן אויף
מיר בין איך גיווארין בלייך אונ האב אן געהויבין צו ציטערין · דען עס
האט זיך מיר גערעאכט דאס ער ווייס געוויס פון דיזער געשיכטע
אונ האב מיך אלזו געהאלטען פאר פארלארען · אלע טאג בין
איך גיגאנגען צו דעם אלבערטס פאטער אום צו וויסען וואס טוט זיך
מיט זיינעם זון · ער איז אבער צו ריק ניט געקומען · נון נעכטין
נאך האלבין טאג וואר שוין דער לעצטער טערמין · אונ ער איז
גאך ניט געקומען צו ריק · איך בין נעכטינגען טאג שיר אויסען זינען
געווארען פון גרויס דאגה · איך האב אים פערבראכט ביא אלבערטס
פאטער



פאטער אום גיכער צוא וויסין פון דעם זונס קומען אונ האב מיך
פון אלע וויילע אריבער געחאפט צו מיר אהיים דען פולייכט איז ער
שוין ביא מיר · איך האב אבער ניט דער ווארט אים · אונ האב
שוין דאן געגוג פערשטאנען דאס איך האב מיך גיאירט אין דיזעם
אלבערטין אונ האב מיר מיין לעבין פערשאלטען וואס איך האב
אים געטרויט · —

ותדד שנתי בלילה ההוא) נון האט דער שלאף געוויכען
פון מיר די גאנצע נאכט אונ האב דער צוא נאך דער לעבט די
נחמה דאס גאנץ שפעט איז געקומען אבריף פון אים צוא זיינעם
פאטער אין וועלכען עס איז אזוי געשטאנען · ליבער פאטער מיינע
אונגליקליכע ליבשאפט האט מיך פער טריבען פון דער היים דען
איך קען ניט זעהען וויא גליקליך עס לעבט יענער מיט מיינער
כלה וואס ער האט איר ארוים גערויבט פון מיינע ארעמס · נון וואר
איך ניט קראנק צו פערשטיין אויף דער שטעלע וואס אונ וועמען
ער מיינט דא מיט דיזע ווערטער · פער געוויס צילט ער אויף די
העלענע וואס מיר האבין אונז ביידען אין איר געליבט אונ מיך
וואס איך בין גליקליך מיט איר · דען ער האט איצונד חרטה שוין
אויף דעם וואס ער האט זיך זעלבסט אוים זיינע פריינדשאפט צו
מיר אפגעזאגט פון איר · אונ איצונד דאס דער טאג פון אונזער
חתונה איז שוין נאהענט · איזט זיינע פריינדשאפט נאר אין איינער
פיינדשאפט פערוואנדעלט גיווארין · אונ האט אזוי גיוואלט מיט
דיזע אונגליקליכע הלואה זיך נוקם זיין אן מיך · אונ צו שטערין
מיין שמחה מיט איין קלאפ · דען דורך דעם וועט מיך די
העלענע געוויס אוועק ווארפין · דער צו נאך פערראכטין · אונ מעהר
דארף ער ניט · אונ דאס האט אים ליידער (צום אונגליק)
געלונגען (געגליקט) דען נאך אין עטליכע שטונדען ארום פערלירע
איך מיין עהרע אונ ווען זאל שוין זיין געזאגט דאס איך וועל מיך
פון דיזער שאנדע רעטירען דורך מיין טויט · מיין נאמען אונ מיין
פאטערס

ALBERT'S REVENGE FOR HAVING LOST THEIR' MUTUAL LOVER HELENA

פאטערס נאמען וועלין דאך אבער בלייבין בעשימפט (בעשמוצט) אויף אימער אונ אייביג · אונ דיא העלענע זעלבסט דיא איינציגע פערשוין אין דער וועלט וואס איך וויל זיין בייא איר געאכט אונ גישעצט · געליבט אונ געהערצט · וועט מיינע ביינער פערשילטן · א! דיזע טרויעריגע געדאנקען וועט מיך קיינע רוהע געבין זעלבסט נאך מיינעם טויט · ענדענדיק דיזע ווערטער איז דיזער יונגער מאן שטיל געבליבען אונ האט מיט ביידע הענדען צו גימאכט דאס געזיכט וואס האט זיך נעבאדען אין טרערין · נאך דיזער שרעקליכע נאכריכט וואס איך האב דערהאלטען פון מיינעם פאלשען אונ פיינדליכען פריינד האב איך מיך בעשלאסען באלד צוא דער טרינקען אונ האב אפגעשריבין אבריף צו מיינעם פאטער אונ צו דער העלענע אין וועלכעם איך האב מיך פערענטפערט ווארום איך טוהע דיזען שריט (טריט) אונ האב אים געלאזט ליגען אפען אויף מיינעם טיש דארט אין מיין פערשלאסענעם נאבינעט · נון ליבער פריינד קענט איר שוין געניג איין זעהן דאס איך האב שוין קיין אנדער ברירה ניט איך קען שוין מעהר ניט לעבען · דיא וועלט איז מיר שוין צו איינג · איך מוז שטארבין · נור איך דאנק איך פאר אייער איידעלן ווילען · עס פרייט מיך אייך צוא קענען פאר מיינעם טויט אום צוא האבין אין דיא לעצטע מינוטען פון מיינעם לעבען איינע בעסערע מיינונג פון דער וועלט אונ נאך מעהר פון דיא יודען צו וועלכע איר געהערט . א פילע פון אונז טוען אייך אונרעכט אונ מאר אומזיסט · נון דאנקע איך אייך פאר אייערע גוט הערצליכקייט אונ מענשליכקייט — בייא דעם ענדע פון דיזע ווערטער האט ער זיך אויף געהייבין אונ האט גיוואלט שוין אוועק גיין · דער ר' מרדכי אבער האט אים מיט זיינער קרעפטיגע האנד אפ גיהאלטין אונ האט אים ווידער אנידער גיזעצט אויף דעם בייגקיל :

בל תבהל) "נור געדולד מיין ליבער פריינד"! האט דער ר' מרדכי צוא אים גיזאגט זייט אייך נאך ניט מיאש · איר קענט





רעכט גיהאלפין ווערין · דען גראד נאכטין האב איך אפ גינומען אסומע געלט וואס איך האב מיינעם שכן געליהען · נון בין איך אים שטאנדע צו לייען אייך פינף טויזענד גילדין" אונ וויא ער האט גירעט אזו האט ער אויף דער שטעלע מקיים גיוועזן · דען ער האט פארטו ארויס גינומען פון איינעם אלטין אלמער עטליכע טיכליך גאלד · אונ עטליכע זעקליך טאלער אונ האט זייא אנידער גישטעלט אויף דעם טיש אונ גיזאגט "מיר דוכט דאס איז דא ריכטיג וויא פיל איר ברויכט צו האבין · דאס איר דארפט אזוי גאר ניט ציילען" · "נון וואס זאל איך מיט דיזעם געלט טאן"? האט אים דיזער יונגער מאן געפרעגט "איינע קלוגע שאלה" האט אים דער ר' מרדכי גיענטפערט "געמט דאס געלט אונ פילט אויס דיא קאסע דארט אונ בלייבט אייך אליין רוהיג ביז מען וועט עס קומען רעווידירן" "וואס איר מיינט עס אין ערענסט"? האט זיך דער יונגער מאן אפ גערופען "וואס? איר ווילט מיר · וואס איך בין אייך ווילד פרעמד · איין אונבעקאנטער קריסט · ווילט איר מיר אזוי אסומע לייען · מיר! וואס איר זעהט מיך צום ערסטען מאל אלס איינעם זינגדער וואס וויל זיך איבער פירין? אונ פילייכט איז עס נאך אטייל פון אייער פערמעגען אדער אייער גאנצער פאר מעגען"? :

לא) "גיין מיין ליבער פריינד" האט אים דער יודע גיענטפערט · "גיין איר זייט מיר ניט פרעמד דען איר זייט דאך איין אונגליקליכער אונ דער יודע וואס ער איז עס אויך · איז איין קרוב פון יעדען אונגליקליכען · דען דער וואס האט שוין איין מאל אין זיינעם לעבין געליטען · דער פערשטייט ווי עס איז צו מוט דעם ליידענדען אונ וועלכער יודע ליידעט ניט? צווייטענס וואס בייא אייך ווייזט אוים פאר אגרויסען חידוש זעהעט אוים בייא מיר גראדע פאר איינע איינפאכע (פאשוטע) שולדיגקייט וואס יעדער גראדער מענטש מוז עס נאר אזו טאן אונ דאס איז מיט איין (גמילות חסד)

צו רעטירען איין יונגען מענטשען וואס קען נאך אין דער וועל
העכסט גליקליך זיין · צו דער האַלטען איין איינציגען זון פאַר די
אַלטע עלטערען. „איר דיינקט זייער איידעל" האט אים דער יונגער מאַ
געענטפערט. „דאך אָבער ווייס איך ביי מיר דאס איך בין ניט אי
שטאַנדע עס צו בעצאָלען אייך · דען מיין געהאַלט (שכירות) אי
זייער קליין · מיינע עלטערען זיינען קראַנק און. אָרעם דער צו". „איך
בעט אייך אָבער" האט זיך דער ר' מרדכי אָפּגערופען „זייט רוהי
נעמט דאס געלט און קימערט אייך ניט וועגען דאס בעצאָלען איך
וועל אייך ניט נוגש זיין און מיר וועט · עס אויך ניט איינג מאַכען
דען איך ברויך דיזען קאַפּיטאַל ניט צום מסחר: איך האַלט אים
נור צום פערלייען און אַליין לעבע איך פון דירה געלטען און איר
זייט דאך איין יונגער מאַן · מיט דער צייט וועט איר איינע גרעסערע
שטעלע בעקומען און דאַן וועט איר שוין דיינקען פון בעצאָלען און
בין אַלזו אין אייך זיכער דאס איר וועט מיר בעצאָלען ביז איין
גראָשין · עס קען מער ניט וויא זיין דאס עס וועט אַביסעל געדויערען
און דאס מאַכט שוין ניט אוים דער ווייל[ע]. גייט אייך געזונדער הייד
און גלייכט אוים אייער רעכענונג אין אייער קאַסע דען עס איז
שוין נאך אַכט דער זייגער":

ויואל) דיזער יונגער מאַן האט געוואָלט דאַנקען דעם ר'
מרדכי ער האט אָבער קיין וואָרט גיקענט אַרוים ריידען ער האט
אים נור געדריקט דיא האַנט · האט צוא גינומען דאס געלט
איזט צוא גיגאַנגען צום טיהר און האט שוין גיוואָלט אַרוים גיין
ער איזט אָבער דאָרט געבליבען שטיין דען ער איזט שוין איין
עטוואס צו זיך געקומען דאס ער האט שוין גיקענט ריידען און
האט אַזו געזאָגט „איידעלער און גוט הערציגער מענטש" מיין דאַנק
צו אייך איזט אַזו גרוים דאס איך האב קיין ווערטער עס אַרוים צו
ריידען נון מוז עס בלייבען פערפּרעסט אין מיינער ברוסט · נור דער ווייל[ע]
קען איך דאס זאָגען דאס איר טוט דיזען חסד קיין אונדאַנקבאַרען
מענטשען



מענטשן (אַז אַ מענטשן וואס איזט ניט מכיר טובה) איך וועל עס
קיין מאָל פערגעסין און דאַהער וויל איך וויסען דעם נאָמען פון אייך
וואס איר זייט אוים געקליבען געוואָרין פון גאָט צוא זיין מיין
מלאך מושיע (מיין גוטער איינגעל) צוא רעטירען מיך און צו שיינקען
מיינע עלטערען איינען זון":

אנכי) „איך הייס מרדכי כהן" האט ער אים געענטפערט
„נור דאָ רופט מען מיך צמח. „און איך" האט זיך אָפּגערופען דער
יונגער מאַן „איך הייס · · ·. „און האט זיך דערביי אַזוי וויא
פערהיקעט. „איך ברויך עס ניט צו וויסען" האט אים דער ר' מרדכי
אָפּגעענטפערט איך וועל עס אָבער שפּעטער וויסען גייט גיזונטערהייד
דען עס איז שוין ניט פריא · איילט אייך" און אַזוי ריידענדיק
האט ער גיעפינט דיא טיר און האט אים אַרוים גילאָזין זאָגענדיק
דער ביי. „גייט אייך גיזונטערהייד איידעלער הער · איך האף
אייך ווידער צו זעהן ביי מיר" · און אַלזו איז זיך דער יונגער
מאַן אַוועק גיגאַנגען און האט אים דיא האַנט ווייטער גידריקט :

לפני) בעפאָר מיר וועלין אונזער געשיכטע ווייטער דער
ציילין מוזין מיר בעקוקין אַביסיל דאס גאַנצע לעבין פון דיזעם
ר' מרדכי · ער וואַר אַבן יחיד פון איין געוויסען רייכען גאָלד
שמיד וואס מען האט אים גירופען ר' גרשון · זייענדיק אַקינד וואַר
ער איין (עלוי) · און זיין פאָטער וואס וואַר אין יענער צייט איין
(איש מכובד) האט אים גילאָזט זייער גוט לערנען · און ווייל
דיזער ר' גרשון האט צו ליב זיין מלאכה גיהאַט אַגרויסין פער קער
מיט גרויסע (אדונים) און מיט גרויסע גלחים (גייסטליכע) האט ער
דאַרום גילאָזט זיין זון לערנען (לבד גמרא) און (פוסקים) אויך
זייטיגע זאַכין דאס הייסט (לשונות) און (חכמות) · וואס אין יענער
צייט וואַר עס גאַנץ זעלטין · עס האבין עס געקענט נאָר דיא
גרעסטע לייט פון דיא קריסטען · און דעם פאָטערס מיהע וואַר
אבער

MORDECHAI'S IDEAL EDUCATION

אבער אזו אן געלייגט וויא איינער וואס זייעט אויף אגוטעס-פער דען דער זון האט געהאט אגאנץ וואוילע קאפ · אונ האט אליין זייער לייכט בעגריפען · אונ זייער גוט געדיינקט · דאס בשעה ער וואר אלט פופצעהן יאר · האט ער שוין געשפראכען (כמו לשונות) וואס איינע דער פון וואר דיא לאטיינעם וואס זיא איז דיא שווערסטע שפראכע · אונ וויא ווייט עס האט זיך אויס געבילדעט זיין פערשטאנד האט זיך נאך מער אויס געבילדעט זיין הערץ דאס ער האט בעקומען אגרויסען געפיל צו וואס נור שיין אונ גוט איז · נון איז שוין לייכט צו פאר שטיין וויא ליבליך אונ טייער דיזעס קינד וואר ביא זיינעם פאטער וואס האט זיך איטער בערימט מיט אים · אונ אזו האט דער פאטער פון אים גרויס נחת געהאט ביז אין זיין אכטצעהנטען יאר · דען ביז דיזער צייט איז אים אלץ גוט גיגאנגען אזו אין הויזליכע זאכין אלס אין געשעפט זאכין פלעצליך אבער האט זיך דיא רעדעלע איבער געדרייט · דען דער ר' גרשון האט אן גיהייבען ארויף צו גיין פון זיין מעמד · פילע אונ-גערעכטע אונגליקען וואס זיינען געקומען איינס נאך דאס אנדערע האבין אים בכלות גישטעלט אזו ווייט דאס (לא די) וואס ער האט פאר לארין זיין אייגענעם פערמעגען איז ער נאך געבליבן אגרויסער (בעל חוב) אונ האט ניט געהאט מיט וואס צו בעצאלין · אונ דאס האט דיזען ערליכען מאן אזו ווייט געקלעמט אונ געגריכט · דאס ער איז דער פון קראנק גיווארין אונ איז גישטארבין · אונזער ר' מרדכעלע וואס האט דאן אלט קוים ניינצעהן יאר איז געבליבן וויא עס איז אונז זייער לייכט צו פערשטיין אין ארעמער יתום · ער איז געבליבן איינער אליין · דען דיא מוטער איז אים שוין לאנג אפ געשטארבין · דאס ערסטע וואס דיזער יונגער מענשעל האט זיך פאר גענומען וואר אלס ער האט זיך אביסיל ארויס גישלאגין דיא (מרה שחורה) פון קאפ וואר דאס ער זאל רעטירען דיא עהרע פון זיינעם גישטארבענעם פאטער · דאס הייסט אויס צו צאלין דעם פאטערס

חובות



פערחובות · אונ האט דאהער גיזעהן דעם פאטערס געשעפט ווייטער צו טרייבן מיט אלער מעגליכקייט · ער זעלבסט פלעגט צו זיצין ביא דער ארבייט מיט גרויס פלייס אונ מיט גרויס געדולד אונ האט אזוי ווייט גיבראכט דאס ער האט אויס געטיליגט אלע שולדין פון איטער · אונ האט שוין אן גיהייבן צו דענקען פאר זיך אליין אויס דאס הייסט וועגין אשידוך · צום אונגליק האט ער זיך פערליבט אין איין שיינע מיידכען פון איינעם רייכען שכן · אונ דאס וואר נור אים זייער שווער אויס צו פירין דען ער וואר בלוט ארעם דאן דאהער האט ער עס געמוזט איבער געבין אין דער האנד פון דער צייט · אונ זיא האט אים ווירקליך אויס געפירט · דען מיט דער צייט איז געשטארבין דער שכן אונ דיא מיידיל איז געבליבן אנרייכע יתומה · דער צו נאך האט זיך געמאכט דאס עס איז געקומען איין בעפעל פון קיניג דאס מען זאל ארויס טרייבן אלע יודען פון בעהמען לאנד וואס פראג איז איר הויפטשטאט · דא איז דאס מיידעל זייער ארונטער געפאלען ביא זיך · דען זיא האט זיך אן געהייבן דאן צו שפירען דאס זיא איז העכסט עלענד אונ פאר לאזען צו זיין אליין אין אזו אשווערע צייט · נון האט דיזער ר' מרדכי געוואוסט צו בענוצען דיזע געלעגענהייט אונ האט צו איר געשיקט אשדכן אונ איז געווארען זיין ווייב · אונ האבין באלד נאך דער חתונה אויס געוואנדערט פון דארט קיין פולין דען אהין זיינען געלאפין דאס (רב מגורשים) פון יענע לאנד · אונ זיינען 1550 דארט גיזעסען אין משך פון אכט יאר · דער נאך אלס דער קייזער פערדינאנד האט זיא צו ריק גערופען אין דעם יאר אין טויזענד פינף הונדערט פופציג וואס דאס איז דאס יאר (ש"י) *) האט זיך

דיזער

*) דיא סבה פון דיזעם גרוש וואר נור אין פאלשער חשד וואס מען האט דארט געהאט אויף דיא (יהודים) דאס זיא זיינען

בעצה

דיזער ר' מרדכי ווידער בעזעצט אין פראג און עס האט אים א...
געהייבין צו גיין זייער גוט · און ווייל ער וואר אגרויסער (למד...
און אגרויסער (חכם) אין אנדערע (ידיעות) און אין (לשונות) וואר...
ער דער צו אגרויסער (חשוב) און אגרויסער (מכובד) און צוא לי...
זיין גוט הארץ און זיינע גרויסע (נדבות) וואר ער ביי יעדער...
געליבט און געשעצט ער וואר זייער רייך אבער גיט חלילה פ...
פאלשקייט נור פון גרויס פלייס און פון גרויס געשיקליכקייט אי...
זיין מלאכה · און האט אזו געבראכט מיט זיך פון פולין אמאס...
געלט און וויא ער וואר איין קינסטלער אין זיינער ארבייט · א...
וואר ער אויך איין גרויסער קינסטלער אין זיין צדקה געבין · ד...
ער האט גוט געוואוסט ווענעם און ווען צו געבין · און וואס ע...
האט געגעבין וואר עס אלץ מיט איין פריינדליכען פנים · און מיט...
גרויס מיטלייד דאס דער מקבל וואר פיל מער צו פרידען מיט...
זיינע קליינע נדבה אלס. מיט איין אנדערענס גרויסע נדבה · או...
ווען אויך דיזער ר' מרדכי האט אין דיזעם איידעלען ענין זייער גו...
געצילט מיט זיין גראסען איז דאך קיין ארעמאן אוועק פון אים לייד...
און

---

(בעצה אחת) מיט דיא טערקין וואס האבין דאן מלחמה גיהאלטי...
מיט דיזער מדינה · מיט דער צייט אבער איז מען געוואו...
געווארין אז דאס איז איין (שקר גמור) און מען האט זייא צוא...
ריק גערופען · ווייל מען האט איין געזעהען דארט דאס זינ...
דיא יודען זייגען ארוים פון דיזער מדינה איז זיא זייער פאר...
ארעמט געווארען · דען עס האט אויף געהערט דארט דער...
האנדעל און וואנדעל · און עס האבין אן געהייבין צו פעלען
(בעלי מלאכות) ווערקסלער · און איבעראל האט מען געשפירט
איין גרויסען געלט מאנגעל · דאס זעלביגע איז צו זעהן נאך
(עד היום) אין שפאניען · דאס צייט מען האט ארוים געטריבען
דיא יודען פון דארט אין דעם יאר (מור"ה) איז זיא (בדלי דלות) :



...און קיין אונגליקליכער אונגעטרייסט :
וכשבתו שנה אחת) און אלס ער איז שוין געזעסען אין
פראג בערך איאר קוטענדיק צוא ריק פון פולין האט זיך אים
...עטראפען דיא געשיכטע מיט דיזעם יונגען קריסטען וואס דיזער
ר' מרדכי האט אים ארויס געהאלפען פון דעם גרעסטען נויט ·
און וויא מיר ווייסען שוין דאס דיזער ר' מרדכי האט אלץ געטאן
מיט איין בערעכענונג אין זיינע צדקה זאכען · אזו וואר אויך פאר
...עוויס דיזער גרויסער חסד מיט דיזעם יונגען קריסטען אויך גיט
...עטאן געווארען בלויז אויס ווייכהערציגקייט · ניין ער האט עס
...עטאן נור מיט גרויס פערשטאנד און מיט גרויס (ישוב הדעת)
...וועק צו געבין אזוי אפערמעגין צו אזוי איינעם וואס ער איז אים
...אנץ אונבעקאנט און האט נאך דער צו גאר גיט געוואלט וויסען
...יא מען רופט אים · ער האט זיך פאר געוויס גוט איבער לייגט
...ונ האט איין געזעהען דאס ער איז עס דורך אויס מחויב צו טאן און
האט עס געטאן :
ובכל זאת) און דאך ביי אלעם דעם איז דער ר' מרדכי
...עבליבין זיצען עפעס וויא איין צו רודערטער נאך דעם וויא דער
...ונגער קריסט איז ארויס פון שטוב און עס האט אים אן געהייבין
צו קלעמען אין הארצין · ערשטענס ווייל עס איז שוין אזו פון
אימער און איבינג דאס דער מענטש האלט גראדע דאס וואס ער
האט נור פער לארין אדער וואס ער קען גיט דער לאנגען און
...רייכען · האלט ער פאר דאס שענסטע און בעסטע דאהער ווערט
ביי אים דער געשטארבענער אימער איין הייליגע נשמה · און
בשעת ער איז אין דער פרעמד ווערט זייער טייער דיא היים
ביי אים · און אזו אויך פאר קערט דאס וואס מיר האבין שוין
אין דער האנט האט ביי אונז גאר קיין ווערט · צווייטענס איז
דעם ר' מרדכין ביז אהער גאר גיט איין געפאלען דאס עס קען
זייער לייכט געשעהען דאס ער וועט פלוצלונג זיך אוועק שטארבין און
ווייב

ווייב אונ קינדער וועלען גאר ניט וויסען וואו דער קאפיטאל א
אהין געקומען · נון איז עס אים איצונד אויף דעם זינען ארויף געקומ
אונ איז געווארען זייער אונרוהיג אונ בפרט דאס ער האט ז
דר מאנט דם דיזע פינף טויזינט גילדען איז גאר זיין גאנצער קאפיטא
אונ לעבט נור פון זיינע האנד ארבייט · נון וואס וועלט דאן חליל
זיינע (אלמנה) אונ דיא (יתומים) טאן (בעהיטע גאט) · נון האט ע
מיט דיזעם (גמילות חסד) וואס ער האט געטאן איינעם וויל
פרעמדען געקירצט ווייב אונ קינדער· דאך איז דיזער קומער באל
פר שוואונדען געווארין פון אים דען ער האט זיך בעדיינקט דאס פא
דער האנט האט ער רעכט שאפענד געהאנדעלט · אונ האט זיך דע
ביא פאר לאזען אויף גאט :

בזו הרגע) אין דער זעלביגער מינוט איז ארין געקומען צ
אים אין גאבינעט זיינע פרויא דיא ביילע · אונ זייענדיג נייגעריג
וויא אלע טעכטער פון חוה האט זיא געוואלט וויסען וואס פא
אגרויסען געשעפט איהר מאן האט דא געמאכט מיט דיזען יונגען
מאן ·פאר געווים האסט דוא דא געמוזט מאכען עפעם אגרויסע
(הלואה) אניכערע· האט זיא צוא אים געזאגט ·דען איך האב אים
געזעהען ארוים טראגענדיק אמאסע געלט" ? ·גאנץ געווים מיינע
ליבע פרויא" האט ער איר גיענטפערט ·עס איז אזו אגוטער געשעפט
דאס וואס איך בערעכען מיר ווייטער געפין איך אים אלץ וויכטיגער
אונ איין טרעגליכער· ·נוא ווען אזו האט ער דיר בודאי וואס
גוטעם פערקויפט" · האט זיך דיא פרויא אפ גערופען ·דען אזו
האט עס מיר אוים געזעהען פון דעם יונגען מאנס געזיכט דען ער
וואר העכסט פריילך · נון דייטעט עס דאס ער איז צו פרידען
דאס ער האט אן געטראפען אסוחר דארויף · נוא וויל איך זעהען
דיא פעריל דיא דימענטין וועלכע ער האט דיר דא פאר קויפט"
·גייא געזונטער הייד מיין לעבין" האט איר דער ר' מרדכי גיענטפערט
לאכענדיק · ·איך האב צוואר יוא געמאכט אגוט געשעפט · אבער
ניט



[נ]יט איצונד וויל איך דיר דער פון וואס זאגין · דען עס איז היינט
ערב שבת דוא האסט קיין צייט אונ אזו איך · צווייטענס וועסט
דוא דער פון שוין דיינקען אום שבת · אונ דאס וויל איך ניט
דען עס איז אגרויסע זינד אום צוא גיין שבת מיט אוואכענדיקען
קאפ · לאמיר עס אפ לייגין בעסער אויף שבת צו נאכט אדער גאר
אויף זונטאג" דיא ביילע וואס זיא האט אימער געהאלטען דעם
מאן בכבוד אונ איז אים אין קיין זאך דער ווידער געוועזען · איז
זיך שטילערהייד ארוים פון צימעריל · אונ האט זיך (תיכף ומיד)
אומגעקערט צוא אים אונ האט געזאגט ·זאג מיר יוא אדער ניט
איך בלייב שוין איבער שבת אצוטראגענע דען ניט ווילענדיק
וועל איך שוין אגאנץ שבת איבער דעם נאך דיינקען איך בין
שוין איין מאל אזו איין מענטש אונ וועל אלזו דורך דעם האבין
איין אונרוהיגען שבת דאהער איז שוין פיל גלייכער דאס איך
זאל שוין הער פון וויסען" ·גיין מיין ליב ווייב" האט ער איר
גיענטפערט לאז דיר גיט געלוסטען · זונטאג וועסט דוא וויסען ·
אונ קימער דיך ניט איבער דעם אגאנץ שבת" דיזע ביילע אבער
וואס וואר ניט געוואינט צו הערין וועגן פון איר מאן איין אטקאז
בפרט נאך אין אזו אקליינע בקשה" האט זיא זיך גאר אן געהייבין
צו שרעקען אונ האט געזאגט ·נוא וויא איך זעה איין האסט דוא
שוין ביא דיזעם הערען גאר ניסט געקויפט אונ דוא נארסט
מיך — אוי ! אפשר איז חלילה איין אונגליק געשעהען פיליכט
ווייטער אשלעכטע (גזירה) איבער דעם (כלל ישראל) בודאי איז
שוין דא איין נייער בלבול · אונ ווילסט עס מיט דיינעם געלט אפ
האלטען אדער צו ניסט מאכען · אוי איז מיר ! איך דער קען
עס שוין אן דיינע רייד · דען איך וויים שוין וואס דוא רופסט
אלע מאל אגוט געשעפט" ·גיין" האט זיך דער ר' מרדכי אפ גירופין
גאט זייא האנקבר דש איז עס ניט · אונ ווייל איך זעה דאס דוא
ביזט זייער בעזארגט וועל איך עס דיר שוין זאגען · נון וועצע
דיך

דיך אונ הער · איך גלויבע דאס דוא ווערסט אויך זאגען דאס איך
האב גלייך געטאן · אונ דאס דוא וואלסט אויך אזו געטאן ווען
עס וואלט זיך דיר אזעלכעס געטראפען" אונ אלזו האט ער דער
ציילט דיא גאנצע געשיכטע וואס עס האט זיך אים געטראפען מיט
דעם יונגען קריסט · ער האט איר אויך איבער געזאגט ווערטליך
דיא ווערטער וואס ער האט געהערט פון דעם קריסט וואס ער
האט געשפראכען מיט זיך אליין · דאס דיא ביילע האט אן געהייבן
צוא וויינען „נוא האסט דוא אים בוודאי אוועק געגעבין אונזער
גאנצען פאר מעגען" ? האט זיך דיא ביילע אפ גערופען זייער
שראקענער הייט „אזו איז עס" האט ער איר גיענטפערט „דען
זיינעם גליק האב איך דיזען סך געהאט ביא זיך אין גאלד אונ
אין זילבער" „נון וויא הייסט דיזער יונגער מאן" ? האט זיא אים
געפרעגט „אונ ווען וועט ער דיר עס בעצאלען" ? „איך וויים ניט
האט ער איר גיענטפערט זייער רוהיג אזו וויא ער וואלט דא גערעט
פון אקליינניקייט „וואס" ? האט זיא זיך אפ גערופען „פינף טויזענט
גילדען האסט דוא געטרויט איינעם אונבעקאנטען וואס דוא ווייסט
נאך (עד היום) זיין נאמען ניט" ? „ניין" האט ער איר גיענטפערט
„דאס וויים איך נור דאס איך האב עס געגעבען איינעם אונגליקליכען
וואס האט זיך אנדערש ניט גיקענט רעטירין נור דורך מיך" „וויא
מיר דוכט" האט זיא זיך אפ גערופען „האסט דוא אים זיין לעבין
געקענט רעטירען מיט פיל ווייניגערע קאסטען · דוא האסט אים
מיט רייד אליין געקענט אפ האלטען פון איינעם זעלבסט מארד
(אליין דאס לעבען גענומען) דוא האסט אים געקענט פאר שטעלען
וויא שענדליך אונ זינדיג עס איז זיך (מאבד-עצמו לדעת) צו זיין · דוא
האסט אים געקענט מיט אטייל פון אונזער פאר מעגען העלפין
גאר אין גאנצען אבער אוועק צו געבען איז אגרויסע אום רעכט
פון דיר · נור וואס זאל איך ריידען · איך קען דיך · דער געפיל פון
דיינעם איידעלען הערצען האט דיך פער פירט פון שכל אונ פון

זין

BEYLE IS UPSET AT HER HUSBAND'S BLIND GENEROSITY



דען בעדיינק וואס דוא האסט מיר ניט לאנג אליין געזאגט
עלויבט איז גאט דאס מיר האבין אונז צו געשלאגען צו אשטיקעל
אפיטאל · דען פון אונזער מלאכה אליין איז אונז שוין שווער צו
עבין · דיא צעהען פינגער זיינען שוין ניט אים שטאנדע אונז
פרנס צו זיין" נון זיינען מיר איצונד ווידר ארעם אונ וועמען האסט דוא
א אצובה געטאן · וועמען האסט דוא דא אונזערע פער מעגין אפ
געבין ? עס קען זייער געמאלט זיין דאס דוא האסט גינעבין אזעלכע
אס וועט אונז נאך מיט שטיינער ווארפין אפ דאנקען דער פר·
וואלט ער נאך געוועזן יענער אהיר · איינער פון אונזערע ברידער וואס
לידעט מיט אונז צו גלייך אונ פיליכט איז נאך יענער אשונא דעם
(כלל ישראל) אונ וועט לעבין אום נאך נייע גזרות אויף אונז צו מאכין :

ויען) דא האט איר דער ר' מרדכי גיענטפערט „ער מעג זיין
ווער ער איז · אונזער בלוט פיינד · דער ווייל האב איך געטאן
וואס דיא שולדיקייט פאר לאנגט פון יעדען בראווען מענטשען ·
איך בין יוצא · דען איך טאר ניט אזעלכען האסען דער וואס האסט
נור אוים הוילער דומהייט וואס פאר שטייט ניט דאס דיא
מענטשען ליבע (אהבת האדם) וואס גאט האט ארין געלייגט ביא
יעדעם מענטשען אין הארצען דארף זיין גלייך פאר יעדען מענטשין
ניט אונטער שיידענדיק פון וועלכען פאלק , אדער גלויבען ער
איז · איך קען אזעלכען בעדויערען אבער ניט לאזען אים אונגליקליך
זיין בשעת איך קען אים נור העלפען · אונ ווידער פיליכט קען
גראדע דיזער קריסט זיין איינער פון דיא בעסטע מענטשען וואס
ער איז גאר קיין יודען פיינד · איך וויים דאס ניט אלע קריסטען
זיינען שונאים דיא יודען · בעהיטע גאט וואלטען זייא אונז אלע
באמת שונאים געוועזן וויא דוא מיינסט וואלטען מיר אששה שוין
אויך ניט געלעבט · נון זאג איך דיר נאך אמאל דאס איך האב
רעכט געטאן · אונ פרייא מיך דאס געטאן צוא האבין אונ אלזו
לאמיר

IN GERMAN, THIS WOULD BE AN ENLIGHTENED CRY FOR BROTHERHOOD, MEANT FOR GERMAN READERS. IN YIDDISH IT HAS THE OPPOSITE GOAL.

לאמיר שוין דער פון מער ניט ריידען · צעהען יאר נאך אתזעו
חתונה לויב גאט · אונ מיר האבין אונז אין דיזע יארען נאך ני
איין מאל געקריגט נון לאמיר אונז איצונד אויך ניט קריגען · ע
פאר דריסט מיר דאס גראדע בייא דיזער איידעלע טהאט (מעשה
זאלען מיר ביידע ניט שטימען · איך האפע אבער דאס מיט רע
צייט וועסט דוא מיר מודה זיין דאס, איך האב רעכט מיט דיזע
(גמילות חסד) :

ויהי) אונ עס וואר אלס דיא ביילע האט געמערקט דאס
זיא האט דעם מאן צו פיל געקריינקט · האט זיא זיך פאר נאנדע
געוויינט אונ האט געזאגט ,עס פערדריסט מיך וואס איך האב גא
אזו פיל גערעט דוא ביסט מיר טייערער פאר מיליאנען נון פערצייהע
מיר (זייא מיר מוחל) וואס איך האב דא געהאט צו טאן מיט
דיר · איך בין ניט מער וויא אאידעלע · אין אן הייב האט ע
כיך זייער פאר דראסען וואס דוא האסט אזו אפערמעגען ארי
געווארפען אין פרעמדע הענט · איצונד אבער האב איך מי
איבער געלייגט אונ זעה איין דאס דוא האסט רעכט · אונ גא
וועט אונז דער פאר ניט פערלאזען · דען דוא האסט דא
מענטשליך געהאנדעלט אונ האסט נאך דער בייא (מקדש השם
אויך געוועזן · זאל אקריסט וויסען דאס א איד קען אויך מענטשלי
פילען · אונ וויים זעלבסט אשונא גוטעס · צו טאן · איז נור פרידע
אין אונזער הויז · איז אונז גענוג אקליין שטיבעלע · מיט אשטיק
טרוקען ברויט דער צו · ערליבע גאטס פירכטיגע לייטע דארפען ניט פי
אום גליקליך צו זיין :

הדברים האלה) . דיזע רייד האבין דעם ר' מרדכי אזו שטאר
גערירט דאס ער האט זיך אויך ניט געקענט איין האלטין פ
וויינען · נון וואר עס איינע שיינע שצענע · גענוג ווערט דאס
אלע מאן אונ ווייב זאלען עס צוא זעהען אונ נעמען עס פא
אשיינעם ביישפיל :

בשנת



1559

בשנת שיט) אין דעם יאר (שיט) וואס דאס איז טויזענד
הונדערט ניין אונ פופציג · אין דער ערסטער נאכט פון (פסח)
(מערבית) · האט זיך אן געהייבין צוא שיטען אגרויסער
אידעשער נאראר פון אלע שולען · אונ דאס האט געדויערט איין
רעכט היפשע ווילע · דיא מאנעס לייט ווארען כמעט אלע גלייך
אן געטאן · זייא האבען געטראגען זיידענע מאנטלען · אונ קורצע
עוועטענע הויזען · אונ אין שיך מיט זילבערנע שנאלען · אויף
דעם קאפ אין ברייטעל · אונ אלץ וואר פון איינער שווארצע
פארבע · דער רב אונ דיא דיינים · אונ נאך עטליכע גרויסע למדים
ווארען געקליידעט פוילעש דאס הייסט אין אשטרייטעל · אונ אין
אשווארץ זיידענע זופעצע בייא א טייל פון זייא ווארין דיא בוזימער
אויס גענייט מיט זילבער · איין צייכען דאס זייא זיינען גרויסע
מופלגים · וויא נור צווייא בעקאנטע האבין זיך בעגעגענט האט
מען זיך געזאגט גוט (יום טוב) · אונ מען האט זיך דער לאנגט
דיא הענט · מען האט זיך אבער ניט אפ געשטעלט צו ריידין
איין עטוואס אין גאס · גיין מען האט זיך געאיילט אהיים צו
דעם סדר · באלד איז געווארין אין דיא גאסען שטיל · דער פאר
אבער זיינען געווארין אלע פענצטער העכסט ליכטיג · אונ עס האט
זיך ארויס געהערט פון זייא זייער זיסע שטימען · דען עס איז
געווארין געזונגען · געבעטען · אונ געלויבט · איין הויז אבער וואר פיל
מעהר ליכטיגער אלס אלע אנדערע הייזער · אונ דאס וואר דאס
הויז פון דעם (ר' מרדכי כהן צמח) · עס האט שוין ניט געקאנט
אנדערש וואו אין דער וועלט שענר אויס זעהן אלס בייא דיזעם
ר' מרדכין אין שטוב · דער גרויסער זאל וואר זייער שטארק
בעלויכטען · אין מיטען איז געהאנגען איין אכט רעריגער לייכטער
מיט אכט גרויסע ווייסע ליכט · ארום דיא ווענט זיינען געוועזן אן
געשלאגען פינף רעריגע לוסטרעס · אויף דעם טיש זיינען געשטאנען
גרויסע זילבערנע דרייא רעריגע לייכטער מיט יארען וועקסענע ליכט

גיטל אטייל

PESACH SEDER WITH THE TSEMACH FAMILY

אַטייל פון זייא ווארען געפלאכטענע וואס מען רופט עס (מ
נשתנה) ליכט דאס גאנצע הויז וואר העכסט ריין · אונ זויבער
אונ עס האט געשמעקט אין אלע ווינקעלאך · ארום דעם פיר
עקעדיקען טיש זיינען געזעסען די גאנצע משפחה · אויבען א
איז געזעסען · דער ר׳ מרדכי אליין אויף אזאפע מיט עטליכע קיסינס
וויא איין קיניג אויף אטראן · ביי זיינער רעכטע האנד אי
געזעסען זיינע פרויא די ביילע מיט דרייא טעכטערלאך · אויף
דער לינקער האנד איז געזעסען איין ארעם בחור וואס פלעגט
דארט צו עסען אגאנץ יאר מיט דעם ר׳ מרדכים דרייא זין אונ קעגען
דעם ר׳ מרדכי זיינען געזעסען צוויא (אורחים) · צוויא דינסטען
אונ איין (משרת) זיינען געזעסען אן אזייט ביי איין בעזונדער
טישעל דאמיט זייא זאלין ניט שטערען דעם (עולם) מיט זייער
אויף שטיין אלע ווייל · איטלעכער בעזונדער האט געהאט פאר
זיך איין זילבערנעם בעכער · אין מיטען טיש איז געשטאנען
אגרויסע זילבערנע שיסעל איבער גערעקט מיט אווייס גאלד
געשפריינקעלטען שלייער אין וועלכע עס זיינען געלעגען די (מצות)
געוויקעלט אין איין שנייא ווייסען סערוועט · באלד וויא דער ר׳
מרדכי איז געקומען אהיים האט ער אן געטאן אווייסען קיטעל מיט
אווייס זילבערנע יארמעלקע מיט אגאלדענעם גערטעלע אונ האט
זיך געזעצט צו דעם סדר · דער אינגסטער זון האט געפרעגט דיא
פיר קשיות · אונ דער פאטער האט אים געענטפערט ·עבדים היינו
וויא אין דער (הגדה) שטייט · אונ האט נאך דער צו דערציילט
אויף אידעש טייץ וויא אונזערע (אבות) האבין געליטען אין (מצרים)
אונ וויא גאט האט זייא ארויס גענומען פון דארט מיט גרויס
וואונדער · אונ וויא ער האט זייא די (תורה) געגעבין אויף דעם
בארג סיני · אונ וויא ער האט אידען אויס געקליבען פון אלע אומות
דאס זייא זאלין זיין איינציגען נאמען אויס בריימען אין דער גאנצער
וועלט · ער האט עס אלץ אזו ריין הערצליך אונ דיימליך אויס
געשפראכען



שפּראַכען) דאס זעלבסט די קליינע קינדער האבען עס
ערשטאנען · אונ אלס ער האט אפּ געזאגט די ערשטע העלפט
הגדה · האט ער ארום געטיילט די מצות- די מרור מיט חרוסת
אונ האט דער ביי ערקלערט אן וואס איטלעכע בזונדער באטייט
אונ האט אויך פאר די קינדער דער ציילט וויא עס פלעגט צו
צו גיין דארט אין (ירושלים) מיט דעם (קרבן פסח) · דער נאך וואר
קיניגליך געשפייזט אונ מען האט זיך (מפלפל) גיוועזן אין (כמה
דינים) פון פסח דען די (אורחים) ווארען אויך לומדים · נאך הער
האט מען גיבענטשט מיט גרויס (התלהבות) · באלד נאך דעם האט
מען אן געהייבין צו זאגען (הלל) מיט גרויס (התפעלות) אונ
ווארען צו גאסען אונ צו ווארעמט פון דער געטליכע אונ פרומע
פלאמע וואס האט זיך אין זייערע הערצער אן געצונדען :
· עוד לא כלו) זייא האבין אבער נאך ניט גיענדעט גאטעס
ווארט · האט זיך אפּ גערופען דער קליינער דוד (ר׳ מרדכס איינגעל)
ליבער פאטער מיר דוכט דאס מען קלאפט אין דער הויזטיהר
עס זיינען געווארען באלד אלע שטיל אונ האבין אן געהייבען זיך
איין צו הארכען ·יוא יוא גאנץ געוויס מען קלאפט · האט זיך
אפּ גערופען די קליינע אסתר (דעם ר׳ מרדכעס אמיידעל) ·אונ
געוויס מוז עס (אליהו הנביא) זיין״ : ·גוט מיין ליבער שלמה גיב
אקוק דורך דעם פענסטער· האט דער פאטער זיך אפּ גערופען
צו דעם עלטערען איינגעל זיינעם · דער איינגעל האט געעפינט
דאס פענסטער אונ האט געפרעגט ·ווער קלאפט עס אונ וואס
זוכט מען דא ?· ·צו דא וואוינט ר׳ מרדכי כהן-צמח ?· האט
זיך איינער פון דרויסען אפּ גערופען ·יוא יוא׳ האט אים דער
דוד געענטפערט ·גוא בעט איך אייך פירט מיך אריין צו אים ·
דען איך האב וואס נייטיגעס צו דער ציילען אים ·דיזע לעצטע
ווערטער פון דיזעם אונבעקאנטען האבין דעם גאנצען עולם אין
שטוב זייער צוא שראקען אונ זייגען געווארען העכסט אונרוהיגי

אפרים

THE UNEXPECTED VISITOR



אפרים׳ האט זיך דער ר׳ מרדכי אפ גערופען צוא זיין משרת. געם דעם שליסעל אונ מאך אויף דיא הויזטיהר׳ — נון איז דער משרת געגאנגען עפענען · אונ דער ר׳ מרדכי האט זיך דער ווייל ארויס געבויגען דורך דעם פענסטער אום צוא זעהען ווער איז דארט · ער האט אבער מער ניט וויא איין איינגעוויקעלטין מענטשען אין א ברייטען מאנטעל געזעהען · וואס דיא הוט איז אראפ געדריקט בייא אים איבער דעם געזיכט אונ ווייטער ניט · אונ האט אים אלזו ניט געקאנט דער קענען ווער ער איז · אין דעם איז אריין אין שטוב דער משרת מיט איינעם אונבעקאנטען וואס האט אוים געזעהען זייער שרעקליך · דען ער וואר איין געשויקעלט אונ פערדעקט פון אויבען ביז אראפ :

ובכל אלה) אונ דאך איז אים דער ר׳ מרדכי אנטקעגען געגאנגען אונ האט אים גיזאגט (ברוך הבא). געלויבט איז גאט׳ האט זיך יענער אפ גערופען. דאס איך האב אייך דער ווישט מיט אייער געזינטעל פריש אונ געזונד · נון בעט איך אייך דאס איר זאלט אריין גיין מיט מיר אין איין בעזונדערען צימער · דען איך האב איין געהיימנים (סוד) צו ריידין׳ דא האט דער ר׳ מרדכי אראפ גענומען צווייא לייכטער פון טיש אונ האט אים אריין געלויכטען אין זיינעם אלקער׳ · אונ איז דארט מיט אים פערבליבין · אונ דיא גאנצע געזינט האט דער ווייל גאר ניט געוואוסט וואס איבער צו טראכטין · בפרט נאך דאס דיזער אונבעקאנטער וואר קיין יודע · אונ בשעת ער האט דא גערעט דיא עטליכע ווערטער האבין אין אים געציטערט אלע גלידער · אונ האבין אלזו ניט געוואוסט צו זאל עס זיין אוים גרוים צארען צו פון גרוים אונגליק · אונ דאהער וואר דיא ביילען זייער אונהיימליך וואס איר מאן האט זיך דארט איין געשלאסען אין דעם אלקער מיט דיזעם אונבעקאנטען אליין · דען ווער ווייס פיליכט איז ער איין (רוצח) · ארויבער דאהער זיינען זיא אלע געזעסען זייער שטיל אום איין צו הארכען

זיך



זיך חאצבי איין ווארט פון וואס עס ווערט דארט גערעט · עס וואר אבער דארט אזו שטיל געשפראכען דאס מען האט האם מינדעסטע ניט געהערט · נון מיינע טייערע לעזערין וועל איך דיר דער ציילין ווער דיזער פרעמדער איז אונ וואס עס איז דארט אין דיזעם אלקער געשעהען :

כבואם שמה פנימה) וויא זייא ביידע זיינען נור אהין אריין אונ דער ר׳ מרדכי האט דיא טיר הינטער זיך צוא געשלאסען האט דיזער אונבעקאנטער אראפ געווארפען פון זיך דיא הוט מיט דעם ברייטען מאנטעל. אונ איז צוא געפאלען צוא דעם ר׳ מרדכי · האט אים ארום גענומען. אונ האט אים אוים געקוסט אלע גלידער פריער. פאר אלין מיין גאלדענער פריינד׳ האט ער געזאגט צו דעם ר׳ מרדכי. מוז איך אייך דאנקען פאר אייערע איידעלע מענטשען פריינדליכקייט׳ קוים האט ער אוים געשפראכען דיזע עטליכע ווערטער האט אים שוין דער ר׳ מרדכי דער קענט אז דאס איז יענער יונגער הער וואס ער האט אים מיט זיין (גמילות חסד) גערעטירט פון טויט. פאר געווים האט איר דאס געלט ערהאלטען וואס איך האב אייך אפ געשיקט מיט איאר צוא ריק ?׳ האט צו אים דער יונגער הער ווייטער געזאגט. איך האב עס פינקטליך אונ ריכטיג ערהאלטען׳ האט אים דער ר׳ מרדכי געענטפערט. נון מיין ליבער פריינד׳ האט זיך דער יונגער הער ווייטער אפ גערופען. דער מיט אליין איז נאך ניט גענוג · אונ מוז פאר געווים אוים זעהען אלם איין אונדאנקבארער מענטש (כפוי טובה) · דען לויט יושר האב איך עס זעלבסט געדארפט אפ טראגען צו אייך · אונ דאנקען אייך · נור איין גאט ווייס דאס איך זעלבסט האב ניט געקענט קומען צו אייך ביז אהער · עס האט עס מיר אפילו זייער שטארק געקרענקט · דען איך וואר דאן שוין ניט אין פראג · אונ מיין שטעלע וואס איך האב בייא איינעם גרויסען מאן האט מיך אפ געהאלטען צו פארען אהער ·

אונ

און עס איז מיר אזוי גאר אן געקומען זייער שווער צו בעקומען איין טרייען (שליח) דורך וועלכען איך זאל קענען דאס געלט צו אייך אין האנד אפ שיקען · נור איצונד וואס איך בין געקומען צו אייך איז עס צו ליב אזוי אזאך וואס עס איז פיל וויכטיגער אלס דיא שולד בעצאלונג · און וואס איך קען עס שוין ניט דורך איין (שליח) פעריכטען · און וועל אייך עס באלד מגלה זיין · נור אום איר זאלט דיזע נייעקיים ניט האלטען פאר אפאלשע גאדאנע וויא אבבא מעשה מוז איך אייך פריער קלאר מאכען וויא גרויס עס וואר אייער טובה וואס איר האט מיר דאן געטאן און וויא פיל דאנק איך בין אייך דער פאר שולדיג :

(ביום החשך אין דיזעם פינסטערען און אונגליקליכען טאג וואס איר האט מיר אין אים בעלויכטען דיא וועלט מיט אייער גרויסען (גמילות חסד) · אין דיזעם טאג זייגער ניין אין דער פריא זיינען אריין געקומען אין מיין צימער איינע גאנצע קאמיסיע אום צו רעווידירן דיא קאסע · דער עלטסטער פון דיזער קאמיסיע וואר איין גרויסער מאן וואס האט נאך קיין מאל קיין רעוויזיע געמאכט און אלס זייא האבין געזעהען דאס דיא קאסע איז ריכטיג און פינקטליך האט מיך דער עלטסטער ארום גענומען און האט מיך געקוסט פון גרויס שמחה און האט געזאגט . מיר טוט הנאה דאס דער דאנאס איז ליגען" און האט דער ביא ארויס גענומען אבריף פון אונטערען בוזעם און האט עס מיר געגעבען צוא לייענען · עס איז מיר דיא אויגען פון קאפ שיר ארויס געקראכען אום עס איבער צו לייענען · דען עס וואר איינע זייער שלעכטע האנד שריפט און דאך וואר זיא מיר באקאנט · דען דיזען בריף האט געשריבין מיין גוטער פריינד אלבערט · און אין דיזעם בריף וואר געשריבין דיזער דאנאס דאס איך האב אוים געבראכט פינף טויזענד גילדען פון דער קאסע · ער האט זיין האנד שריפט מיט אבזיכט (בכיון) פערדארבען דאס מען זאל ניט וויסען דאס ער האט עס געשריבען

גשריבען

ALBERT
HAD
INFORMED
ON HIM



געשריבין · איך האב עס אבער דאך דער קענט · דיזער דאנאס אבער איז צו וואסער געווארען (צו ניכט געווארען) דורך אייער (גמילות חסד) וואס איר האט מיט מיר געטאן :

יגל לבבי) עס פרייט מיך זייער האט געזאגט דער גרויסער רעוויזאר · דאס דיזער דאנאס איז פאלש . נון קען איך אייך ערפרייען מיט א (בשורה טובה) איר זאלט וויסען דאס איך האב איין בעפעהל בעקומען באם איך וועל געפינען דיא קאסע ריכטיג זאל איך אן מעלדען דאס איר זייט בעשטימט אויף אנדערע שטעלע און דאס ארוים רייד. ענדיג האט ער מיר איבער געגעבין איין קאנווערט וואס אין אים וואר שוין געשריבין וואס פאר אשטעלע איך בעקום :

ועתה) נון מיין ליבער ר' מרדכי וועמען האב איך דיזעם גליק צוא פערדאנקען ווען ניט אייך · מיין כבוד וואקסט פון טאג צו טאג וויא אויף הויוען · מיין געהאלט פערגרעסערט זיך · נון בין איך דאן באלד אפ געפארען פון פראג קיין ווין · און האב מיך דארט בעמיהעט דאס מען זאל דארט זיין העכסט צוא פרידען פון מיר דאס איך זאל קענען שטייגען און האבען איין גרויסע געהאלט דאס איך זאל נור קענען אייער שולד טילגען · און עס איז מיר געלונגען (געגליקט) · דען איך האב מיך דארט זייער גוט אוים געצייכענט און בין איצונד שוין איין (קרוב למלכות) · דען דער פינאנץ מיניסטער האט אין מיך דער קאנט איינען פלייסיגען און געשיקטען ארבייטער · דער ביא וואר ער איין גוטער פריינד פון מיינעם פאטער האט ער מיר אזוי ביסלאך וויים איבער געהייבין פון איינער שטעלע אין איינער אנדערע וואס איז פיל גרעסער און בעסער · ביז איצונד בין איך געווארין איין סעקרעטער ביא דעם קיניג פערדינאנד וואס איז געווארין איצונד קייזער פון דייטלאנד נון (לא די) וואס דיא שטעלע איז זייער גלענצענד און איז מיט אגוטען געהאלט בין איך נאך אין שטאנד (טובות) צו טאן און זייער פיל ווירקען פאר דיא אונטערדריקטע עלענדע איך בין (אפילו)

זייער

זייער שטארק פערנומען · איך קען ניט אויף איין מינוט אפטרעטן דען פיליכט ברויכט מיך דער קייזער · דער פאר אבער בין איך בייא אים זייער תקיף · ער איז מיר זייער גוט · אונ פערטרויט מיר אלע זיינע סודות · אונ דורך דיזע געלעגענהייט בין איך געוואר געווארין אין וואס פאר אשלעכטע לאגע עס שטייען איצונד דיא יודען פון פראג אונ פון גאנץ בעהמען . — מיט עטליכע טעג צו ריק האב איך דער הערט דאס פארטאג האט אקלונג געטאן דער גלעקעל אין דעם קייזערס שרייב צימער · נון בין איך באלד אריין געשווינט וויא אבליץ · אונ האב דעם קייזער דער וויסט אומרוהיגעריק האסטיג איבערען שטוב הין אונ הער אונ זיין איידעלע געזיכט האט אוים געזעהען זייער בלייך · אונ גאר אזו צו טראגין דאס ער האט ניט געהערט דאס איך בין אריין אין דיזעם צימער ,,גנעדיגער הערר" האב איך מיך צו אים אפ גערופין .איך גלויבע דאס איר האט אקלונג געטאן איר ברויכט מיך פערגעווים צו וואס ? .דוא בוסט דא" האט ער זיך אפ גערופען · אונ איז זיך אזו ווייטער אלץ אומגעגאנגען הין אונ קעריק · דיזער איז געבליבען שטיין לעבין מיר אונ האט צו מיר געזאגט .יא אין פערלויף פון דרייא מאנאטען מוזען אלע יודען ווידער ארוים פון פראג אונ פון גאנץ בעהמען לאנד" :

הדברים האלה) דיזע רייד האבין מיך שרעקליך ערשיטערט אונ האב צו אים געשפראכען וויא איין גוטער איינגעל (מלאך מליץ) גנעדיגער הערר עס איז דאך ערשט קיין נייון יאר דא דאס מען האט זייא צו ריק גירופין ווייל עס האט זיך בעוויזען דאס דער דאנאם אויף זייא דאס זייא וואָרען (יד אחת) מיט דיא טירקען איז פאלש נון וואס זאל ווייטער זיין פיליכט ווידער איין נייער פאלשער דאנאם · אדער האבין זייא אייער צארען מיט אייניגע אנדערע זאך גערייצט ? " .גייך" האט מיך דער קייזער גיענטפערט .דאס גראד ניט · א ! מעכטע עס אזו געוועזען דאס מען זאל אויף זייא וואס

דאנאסעווען

ANOTHER EXPULSION PLANNED



דאנאסעווען · דען אזוי טוט מיר זייער לייד דאס איך זאל דיזע אונשולדיגע מענטשען גאר אומזיסט ארוים טרייבען פון דיזעם לאנדע וואס זייערע עלטערין האבין דא געוואוינט שוין (כמה מאות יארין) .ווען דיא זאכע אזו איז ? האב איך צו אים געזאגט .ווען דיא יודען האבין ווירקליך זיך ניט פערשולדיגט אונ דעם הערע קייזער טוט זעלבסט לייד אום זייא ווארום זאל מען זייא פערטרייבין דיזע עלענדע מענטשען · ווער ווערט זייא שוין וועלען אויף נעמען אין זיין לאנד ווען דר ערליכער מענשענפריינדליכער קייזער פערדינאנד פערטרייבט זיי פון זיין לאנד ? " דא האט דער קייזער אנטווארטעט איהם אונ האט געזאגט אזוא .איך שווער בייא מיינעם פידשטענווארט דאס דיזע זאכע טוט מיר זייער לייד אונ מוז עס פארט מאן דען איך האב געשווארען · איך האב אזו איין (נדר) געטאן" נון בין איך געבליבין שטיין העכסט פערוואונדערט אונ האב אים געפרעגט ווער קען עס זיין אזו פאר איינער וואס זאל זיך קענען אונטער שטיין אפ צו נייטיגען דייטשען קייזער איין (שבועה) דארויף ? דער קייזער אבער איז זיך אזו ווייטער געגאנגען אין צימער הין אונ הער אונ דער נאך איז ער געבליבען שטיין אונ האט אן געהייבין אזוי צו דער ציילען :

תמול בערב) .געכטען בייא נאכט האב איך מיך איבער לייגט וועגען דעם · אונ האב ארוים (עגמת נפש) דער פון · דען עס פערדריסט מיך פאר וואס איך האב ניט שטראנגע אויפגעטראטען
2 אנטקעגען דיא קעלכנער (דאס איז אזוא אסעקטע אדער אכתה) דוא ווייסט דאך וויא שטריינג איך וואר אין דיא ערסטע צייט פון מיינער רעגירונג נעגען דיזע כתה · נור איצונד אין מיינע עלטערע יארין בין איך עפעס שוין פיל ווייכער געווארין נעגען זייא · ווייל איך האב מיך בעזאנגען דאס עס איז פיל גלייכער פאר אמדינה ווען סעלאזט יעדערען אין פרידען אין זיין רעליגיאן · אונ אזו זעלבסט דער פאפסט אליין האט אויך געהייסען דולדען (צערפען) דיא

קעלכנער

THE KING'S DREAM



קעלכנער אויב וואויל ער זעלבסט איז העכסט אונצופרידען פון זייא אונ ווייס נאך פון דעסטוועגען אליין ניט צו דארף איך עס אזוי טאן אדער ניט · איך שווער דיר דאס איך שלאף דארום אפט קיין נעכט · ווייל מיינע געדאנקען זיינען, אלץ נאך ניט אויף איין ארט וועגען דעם · אונ אזו בין איך געכטען אויך געלעגען ביז האלבע נאכט אין בעט אונ האב ניט געשלאפין דען איך האב אלץ געדיינקט · (לסוף) איז מיר איבער געפאלען איין שווערער שלאף וואס איך האב אים שוין לאנג געוואונצען אונ ער האט מיך ערקוויקט אונ האב דער צו זייער שיין געטרוימט עס האט זיך מיר געדוכט דאס איך בין אקליין אינגעל אונ בין אין מאדריד וואס זוא איז די הויפטשטאדט פון שפאניען אונ שטייא אין דעם זאל וואס הייגען דארט אלע טייערע בילדער אונ לעבין מיר איז געשטאנען מיין יוגענד לעהרער איין וויכטיגער אלטער מאן אונ האב געלעזין פאר אים אין דעם ביבעל (תנ"ך) אונ דער נאך איז פון מיר פערשוואונדען געווארין מאדריד׳ דער פאלאץ · דער בילדער זאל · אונ האב מיך דער וויסט, בייא דעם פענסטער פון מיינעם קיניגליכען שלאס אין פראג זייענדיק שוין קייזער אונ האב דורך אים אראפ געקוקט אין גאס נון האט זיך מיר געדוכט דאס עס האבין ארויף געקלונגען צו מיר פון אונטען ארויף דיא לידער פון דיא קעלכנער · אונ אלס איך האב מיך אומגעדרעהען אומגעקערט האב איך דער זעהען ווידער דעם אלטען יוגענד לעהרער מיינעם דאס ער קוקט מיט גרויס צארען אויף דורך דעם פענסטער אויף דער שטאט אראפ נון האט זיך מיר געדוכט דאס איך פערשטייא וואס דיזער אלטער מיינט · דאס הייסט עס פערדריסט אים וואס איך ערלויבע דיזער סעקטע דיא קעלכנער צו זיין אין פראג · איך קען זייא אבער ניט פערוועהרין האב איך אים גיענטפערט · דען דער פאפסט אליין הייסט זייא דולדען׳ דאס הייסט געדולד מיט זייא האבין · באלד דארויף איז מיר פאר געקומען דאס איך זעה דיא יודען נאס · דען זיא ליגט ווירקליך אנטקעגען ·



אנטקעגען דעם קייזערליכען פאלאץ · אונ האב דאן בייא זיך אזוי געדיינקט פערגעווים ווייל מיין יוגענד לעהרער ניט ליידען וואס איך דולדע פרעמדע אמונות אונ סעקטען אין מיין לאנד · נון ווען איך קען שוין ניט פערטרייבין דיא קעלכנער ווייל דער פאפסט האלט פאר זייא דא וועל איך שוין צום ווייניגסטען דיא יודען פערטרייבין אונ האב מיך אלזוי ארויס געכאפט מיט אשבועה דאס אין פערלויף פון דרייא (חדשים) זאל ניט בלייבין קיין אידעשע פוס אין פראג אונ אין בעהמען לאנד · אונ וויא איך האב דיזע ווערטער אויס געשפראכען אין טרוים האט עס מיך שוין זעלבסט אין טרוים זייער באנג גיטאן דארויף דען וואס האב איך געוואלט פון דיזע אונשולדיגע מענטשען אונ בין גיווארין דער פון אזוי געקרייינקט דאס איך האב מיך אויפגעכאפט פון שלאף איך האב שוין צוואר גרויס חרטה דארויף איך קען אבער מיין שבועה מיין נדר ניט ברעכין אונ אזו קען איך שוין קיין מנוחה האבין ביז איך וועל אלע יודען פון דאנען פערטרייבין" :

וכן) אונ אזו האט ער אן געהייבין ווייטער צו גיין אין צימער הין אונ הער זייענדיק העכסט אונצופרידען פון זיך זעלבסט אונ עס האט שוין ניט לאנג געפעלט דאס איך זאל אן הייבין טמליץ צו זיין וועגען דיא יודען פאר אים אונ האב שוין געעפענט מיין מויל צו רייד׳ דער קייזער אבער וואס האט עס בעמערקט האט זיך אפגערופען צו מיר ․ איך בעט דיר קיין ווארט צו שפרעכען פאר זייא ․ דען אלץ וואס דוא ווילסט פאר זייא רייד׳ן ווייס איך אליין עס טוט מיר אליין אויך זייער לייד · דאך אבער איך קען שוין מיין ווילען ניט ענדערען דען אין (חלומות) זייען דא אפט גרויסע וואהרהייטען צי זעהען מיר ניט דאס נאט האט דעם פרעה אין איין טרוים געוויזען וואס שפעטער וועט זיין אונ האט דורך דעם זיין פאלק פון הונגער גירעטעט בין איך פערדינאנד ווייניגער אלס פרעה גיוועזט אונ דייטשלאנד ווייניגער אלס מצרים ․ נון איז מיין

(נדר) אין טרוים פון גאט אונ איך וויל עס (מקיים) זיין · דיזע רייד פון דעם קיזער האבין מיך שרעקליך ערשיטערט דען איך ווייס דאס ער ענדערט נימאלס זיין ענטשלוס אונ דער צו היטעט ער זיך זייער ניט צו טאן וואס אהאר איז ווערט געגען זיין רעליגיאן אונ איז נאך דער צו איין עטוואס אבערגלויבעם (אמונה יתרה) אונ דאהער האב איך שוין קיין ווארט דער פון געשפראכען מיט אים אונ האב מיך אזו געזעצט גאנץ טרויעריג צו מיינער ארבייט אונ האב אלץ גידיינקט דאך צו קומען אויף אפלאן וויא אזו דיזע גזרה (מבטל) צו זיין נון האט מיר גאט ערלויכטען דיא אויגען מיט איינעם גליקליכען געדאנקען אונ דאס איז דאס איך זאל אוים בעטען ביא דעם קיזער איינע ערלויבנים צו פארען אהיים אויף עטליכע טעג · אונ וועל דיזע געלעגענהייט בענוצען אום צו דער ציילען דיא יודען פון דיזער גזירה · אונ אנב צו געבען זייא אויך איין עצה וויא אזו זייא זאלען דיזע גזירה צו ניסט מאכען · אונ ווייל איך האב (פחד) געהאט דאס צו בעטען ביא אים · דען ער קען זיך זייער לייכט שטויסען דאס איך פערלאנג עס אום נור צו האבין איינע געלעגענהייט צוא זעהען זיך מיט דיא יודען ווייל ער האט געזעהען וויא ווייט איך בין זייא גוט · דאהער איז ביא מיר געבליבין דאס איך זאל מיט דיזער בקשה פון איין אורלויב ווארטען אויף איינע בעסערע לוינע (הומאר) פון דעם קיזער · אונ גאט האט עס מיר באלד צו געשיקט · דען אין דעם זעלבינען טאג איז מיר אן געקומען אבריף פון מיינע פרויא וואס האט געוואוינט אין דעם גוט וואס דער קיזער האט מיר געשיינקט · דאס זיא האט איין אינגעל געהאט · אונ דאן האב איך שוין געהאט איינע פאלגע פראווע צוא פערלאנגען פון קיזער איין אורלויב · אונ האב עס בעקומען · נון האב איך דיזע געלעגענהייט בענוצט צו זעהען זיך מיט אייך · צוא דער ציילען אייך דיזע געשיכטע · אונ דער ביא איין עצה אייך געבען · אבער דאס





מוז בלייבין ביא אייך (בסודי סודות) · דען ווערט מען עס געוואר צו פיל אונטער אייערע ברידער · זייט איר אונ איך אונגליקליך · דען צו ליב דיזען אינטערעס האב איך אזו נאר מיינע פרויא ניט בעזוכט · דען עס וואלט מיר קיין צייט ניט אוים קומען צו זיין דא אונ דארט · איך האב אבער צו מיינע פרויא געשריבין פון דיזע גאנצע זאכע · דען זיא ווייס · איך האב איר דער ציילט וויא ווייט איך האב אייך צוא פערדאנקען דיזען איצטיגען גליק מיינעם · אונ האב איר געבעטען דאס זיא זאל אין דיזע גאנצע צייט ניט שרייבין צוא מיר קיינע בריף קיין ווין · דאמיט מען זאל ניט געוואר ווערען דאס איך בין נאר אנדערש וואו אונ ניט אין דער היים · אונ דאמיט דאס קיינער לבד איר זאל ניט וויסען פון מיין זיין אין פראג האב איך מיך אזו פערקליידעט אונ בין אריין אין שטאט שפעט ביא נאכט רייטענדיג אויף אפערד · אונ בין געקומען אלזו צוא אייך אום צוא זאגען אייך דאס איינציגע מיטעל וואס קען אייך נאך פיליכט רעטירען פון דיזער שווערע גזרה וואס איז נגזר געווארען אויף אייער ארעמעס פאלק :

כהתימו את דבריו אלה) אונ אלס דיזער יונגער הער האט דיזע ווערטער גיענדעט צו ריידען · איז ער געבליבין זיצען אין שטול זייער מיד · אונ דאן האט זיך דער ר' מרדכי אפ גערופען פערצייהען זייא ליבער הער · איך קען אייך איצונד ניט דאנקען פאר אייער איידעלעם הערץ · אונ ניט ארוים זאגען וויא ווייט עס פרייט מיך אייך גליקליך צו זעהען · דען דיזע (בשורה רעה) האט מיר דאס בענומען · איר ווייסט שוין אליין וויא שווער עס איז צו בעדאנקען זיך בשעת דיא ברוסט אונ דאס הערץ זיינען פערקלעמט אונ פערקימערט · דער ווילע בעט איך אייך ערלויבט מיר אויף אמינוט ארוים צוא גיין צוא מיינע פאמיליע אום צוא בערוהיגען זייא · דען זייא זיינען פערגעווים העכסט בעזארגט וועגען אייער קומען אהער · אין אזו איין אונגעוואונליכע שטונדע

אום גאטעס ווילען" האט אים דער סעקרעטער געענטפערט. "איך בעשווערע אייך ביי אלעם וואס נור הייליג איז · געפינט עפעס אײן אויס רייד פאר זייא · אבער דיא וואהרהייט זאגט זייא ניט · און גיט מיך אויך ניט אויס · זייא דארפען ניט וויסען חלילה ווער איך בין · דאהער בין איך אריין צוא אייך אזו פערטולעט דאמיט אייער פרויא זאל מיך אויך ניט דער קענען · און וואס ווייניגער מענטשען עס וועלען דער פון וויסען איז אלץ בעסער פאר אייך און פאר מיר · דען דער ווילע האט דער קייזער עס קיינעם פערטרויט לבד מיר אליין · דארום מוז דיזער סעקרעט העכסט געהיים ווערען · דען זאנסט וועט מען באלד זיך שטויסען אז דאס וואקסט נור פון מיר :

"פערלאזט אייך אויף מיך" האט אים דער ר' מרדכי געענטפערט · און אין אמינות בין איך ווידער ביי אייך אין אלקער · און איז אלזו אריין אין שטוב · דיא ביידע קלענערע קינדער האט מען שוין געלייגט שלאפען · דיא אורחים זיינען זיך שוין אוועק אויף דער שטאנציע · דער ישיבה בחור וואר שוין אין זיין קאמער · דער משרת און דיא דינסטין ווארען נאך אין שטוב · און אלזו האט ער צו זייא אלעמען און צוא זיינער פרויא וואס וואר נאך העכסט אונרוהיג געזאגט "זייט רוהיג · דיזער הער האט וואס געהיימנים צו זאגען מיר וואס צוא אייך איז עס גאר ניט שייך · און מיך בערירט עס אויך זייער ווייניג וויא איר קענט עס זייער לייכט פערשטיין אן מיין געזיכט · דער צו פרייט מיך זייער דאס דיא קליינע קינדער שלאפען שוין · דען איך וויל האבין דאס עס זאל בלייבין (בסודי סודות) · דאס איינער איז איצונד דא ביי מיר · נון לייגט אייך רוהיג שלאפען · און איך מוז מיך נאך מיט מיינעם גאסט פערווײלען אהיפשע צייט · גיסט קשה זייט אייך אלע גאנץ רוהיג · דען עס איז היינט איין (ליל שמורים) און איז זיך אלזו באלד צו ריק אריין אין דעם אלקער · און האט מיט

דעם



דעם סעקרעטער פאר בראכט נאך אפאר שטונדען · און דער נאך איז דער סעקרעטער אוועק געגאנגען · און דער ר' מרדכי האט אים בעלייט ביז דעם טויער פון דער אידעשע גאס וואס מען האט באלד גיעפענט און דארט האבין זייא זיך זייער פריינדליך דיא הענד געדריקט און האבין זיך געזעגענט · "איך דאנק אייך איידעלער מאן" האט אים דאן דער ר' מרדכי געזאגט פאר דעם שיידען זיך פון אים דען מער האט ער שוין ניט געקענט ריידען ; דען ער וואר גערירט ביז צום וויינען און איר האט דאן צו אים געזאגט דער סעקרעטער "וועט שוין געפינען לעבען דעם ווישעראדער טויער איין געזאטעלטעם פערד · פערגעסט נור ניט איר גוטער ר' מרדכי גאט זאל זיין מיט אייך און בלייבט מיר געזונד" דיזע דיבורים ווארען גערעט אלץ זייער שטיל · און אלס זייא האבין זיך אפגעשיידט איינער פון דעם אנדערען האט מען דעם טויער ווידער פערשלאסין דער סעקרעטער איז זיך אוועק צו זיינער שטאנציע און דער ר' מרדכי האט אויף געהייבין זיינע אויגען צום הימעל עס וואר דאן גראד איינע זייער שיינע העלע נאכט · עס האט זייער העל דיא (לבנה) געשיינט דיא שטערען געפינקעלט אין דעם טיף בלויען הימעל · און האט (מתפלל) גיוועזן אזו "א גרויסער גאט! קוק אראפ פון הימעל און זעה וויא מיר זיינען ביי דיא פעלקער צו שאנד און צו שפאט · ליבער גאט! מיר האבין דיין נאמען ניט פערגעסען א! הער גאט! פערגעס אונז אויך ניט" דיזער ר' מרדכי וואר אזו פול מיט (עגמת נפש) דאס ער האט דיזע עטליכע ווערטער אויס געשפראכען (כמעט) אן אנגעדאנקען דען זייא זיינען עפעס אזו וויא אליין פון ברוסט אויס געשפראכען ער איז געבליבין זייער פערטיפט אין געדאנקען און האט אריין געקוקט אין דעם טיפען בלויען הימעל וויא אין איין טיפען מעהר פון לופט (וואו עס שוועבין מיליאנען וועלטען פיל שענערע אלס אונזער וועלט) און האט זיך דער ביי אליין געפרעגט "ווער האט עס אלץ בעשאפען?" און האט זיך אליין

ANACHRONISM

באלד

GOD'S OMNIPOTENCE



באלד געענטפערט דארויף. דאס האט נור בעשאפן דער (בורא עולם) דער איינציגער גאט וועלכען מיר בעטען אן אונ דינען אים. נון איז ער שוין גענוג מעכטיג אונ קרעפטיג צו העלפען אונז זיין ארעמעס פאלק, אונ אלס ער האט זיך ווייטער פערטיפט אריין צו בליקען אין דעם טיפען בלויען הימעל אונ האט בעטראכטעט דיא שטערין וואס זיינען אין אים אויס געזייט אונ פערשפרייט מעהער אלס דיא זאנד פון מעהר אונ וואס יעדער בעזונדער פון זיי איז נור איינע זון *) וואס בעלייכטעט אויף פיל אנדערע וועלטען וויא אונזער זון בעלייכטעט אויף אונזער ערד אונ אויף נאך כמה פלאנעטען וואס זיינען פיל מאל גרעסער אלס אונזער ערד אונ זעהען אזוי קליין וויא פונקען פייער נור אויס זייער ווייטען (מרחק) פון אונז. אונ האט (אגב) דער ביא בערעכענט וויא גרויס אונ אונענדליך עס מוז דארט אויבען זיין דער רוים (פלאץ) דאס אזעלכע גרויסע מיליאנען כדורים (גלאבוסען) זאלען דארט קענען אימער שוועבען אין דער לופט האט ער אויס געשריען ליבער גאט! ווען דיזעס אלעס קען דער שווארצאפעל פון אונזער קערפערליכעס אויג משיג זיין (בעגרייפען). וואס מוז שוין, פארט ניט קענען בעגרייפען (משיג זיין) דאס אויג פון אונזער גייסט (נשמה) וואס שטארבט קיין מאל ניט זייענדיק דארט אין דעם (עולם הרוחני) גייסטיגע וועלט איצונד:

*) דיא היינטיגע תוכנים (אשטראנאמיקער) האבין בעוויזען מיט זייערע פערגרעסערונגס גלעזער אונ אזו מיט רעכטע אונ ריכטיגע בערעכענונגען דאס דיא הימלען זיינען קיין גשם (קערפער) נור ריינע לופט אונ דיא שטערען וואס שוועבין אין זיי זיינען זייער גרויס דען זייא זיינען זונען ווי אונזערע אונ בעלייכטען אויף אנדערע (עולמות) וועלטען וואס דרייען זיך ארום זיי. וויא אונזערע ערד דרייעט זיך אום אונזער זון:



איצונד אבער זעהן מיר נור איין קליין טייל פון דער אונענדליכע (בריאה) אונ דאך ווי גרויס זי איז איז אין איר אלין מיט אצאל אונ מיט אהן עקענונג עס בעוועגט זיך אין איר קיין צווייפעל. עס פאלט ניט אראפ קיין בלאט פון קיין בוים אן גאטעס ווייסען. נון פערגעוויס שפירט ער דעם קומער פון דעם עלענדען. דיא שמערצען פון דעם ליידענדען אונ האלט (בורא) אזו אשטענדיגען בעקענונג אין אלע אונזערע (עולמות) וואס זיינען פערגעטום בעוואוינט אונ בעפעלקערט מיט שענערע (ברואים) אלס אונזערע ערד איז בעוואוינט. אונ געוויס מוזען יענע אויך פון זיינער האנד געגערט ווערין אונ פרייען זיך מיט זיינער גוטע אונ מיט זיינעם (מדת החסד) דען גאט איז דאך (אטוב לכל) נון איז דאך איין בריסעס אונרעכט פון אונז דאס מיר זאלען אונז זיך מיאש זיין אונ דיינקען דאס מיר איהן זיינען פערלאזען וויא איזי עס מעגליך ברייטער גאט! דיא וועלט איז היין: אונ קיינעם אייבען. נון וואו איז האט רעכט דאס גראד אונז זאל מען דא רעכענען פאר פרעמדע. אונ גראבע נאך דא וואס דיא (קברים) פון אונזערע עלטערין וואס האבין דא איינגעשלאפען דעם אייביגען שלאף זיינען נאך פיל עלטער פר אנדערע היגע שטעט: נוין: עס וועט זיך מוזען דאס בלאט אומוועדען (דאס הייסט אנדערש ווערען).

וכן) אונ אזו איז איבער גילאפין דעם ר' מרדכען איינע היבשע צייט אין זיינע זיסע פאנטאזיען (דמיונות). אדער בעסער צו זאגען אין דיינע פרומע רעכונגקעס ביז איין לייכטער שטורעם האט אים אויף געוועקט פון דיינע געשליכע געדאנקען אונ איז זיך אוועק צו דעם רבס הויז. אונ האט הארט אן געקלאפט אין אפענסטער פון אניבעריגעם הויז. וואס דער שמש (ר' ליב) האט דארט

געוואוינט וועד קלאפט דארט ?" האט דער (ר' ליב) געפרעגט איך (מרדכי כהן)" האט אים ר' מרדכי גיענטפערט . איך בעט אייך וועקט מיך אויף באלד דעם רב · דען איך האב איינע וויכטיגע זאך בייא אים צו פרעגין" . דער רב איז אויף נאך האט אים דער שמש גיענטפערט . ער לערענט ; נון מיינט איר דאך אים (אשאלה) צו פרעגין דארפט מיך האט איר פלעגט אייערע (שאלות) אייך אליין פאסקענען אלע מאל : נון וואס איז דיא מעשה מיט אייך איצונר דאס איר גראדע איצונד אזו שפעט בייא נאכט קומט צו בעאונרוהיגן אים ? " אונ האט אים אלזוי גיענטפערט זייער פערדריסליך דיא מיר . איר זייט דאך אויך (אבן תוהה)" האט אים דער ר' מרדכי גיענטפערט מיט איין פאר איבעל פאר וואס ער וויל ניט ליידען וואס ער בעאונרוהיגט אים אזוי שפעט בייא נאכט . נון ווייסט איר דאך דאס דער (פסח) האט אין זיך אביסעל שווערע (שאלות) אלס אנאנץ יאר · דאהער וויל איך מיך אליין אויף מיר ניט פערלאזין אונ וויל מיך מיישב זיין מיט דעם (רב) · דאך אבער פערלאנג איך פון אייך דאס עס זאל בלייבין (בסוד) דאס איך וואר אזו שפעט בייא דעם רב · דער פאר (כל זמן) איר וועט האלטען כויל וועל איך אייך אויף אלע (שבת) שיקען פיש פליישי בוימאייל · אונ ווייץ · וועל איך . אבער זיך דער וויסען דאס איר האט געפלוידערט וועט איר פון מיר שוין גאר ניט האבען :

וכן) אונ אזו האט דער (ר' ליב) שמש ארייץ געפיהרט דעם (ר' מרדכי) צו דעם רב אין שטוב · דער רב וואר נאך אויף · דען ער איז געזעסען (כמעט) אנאנצע נאכט בייא דעם ספר · דען עס האט זיך אים געוואלט דורך לערנען דיא גאנצע (מסכת פסחים) : נון האט עס דעם רב זייער שטארק געוואונדערט וואס דער ר' מרדכי איז צו אים געקומען אין אזו אצייט אונ האט אן געהייבין אוים צו פרעגען אים וואס זאל עס בדייטען · דער ר' מרדכי האט זיך

ניט

CONSULTS THE ROV



ניט געלאזט צווייא מאל פרעגען אונ האט אים באלד (מגלה) געווען דעם (סוד) וואס ער איז אין דיזער נאכט געוואר געווארין פון דעם סעקרעטער · אונ דאס ער האט אויך (ברעה) צו פארען מיט מאנגלייך . קיין ווין אום צו פערהיטען דיזען . ענגן וועדלונג וויא עס האט גיראטען דיזער סעקרעטער — דיזער פלאן איז גייער גיפעלין גיווארין דעם רב אונ האבין אזו דיזע זאך גיווער . גוט איבער גירעט צו וויסין זיך · אונ דאן האט ניך דער ר' מרדכי אפגעזעגנט מיט דעם רב אונ איז זיך אוועק אהיים אום זיך מכין צו זיין . אויף דער רייזע אונ צו זעגענען זיך מיט דער פאמיליע · אונ וויא עס האט נור אן געהייבין צו טאגען איז דער ר' מרדכי ארויס פון דעם ווישערארער טויער · ער האט זיך אן געטאן וויא איין וועגסמאן מיט געלאדענע געווער מיט איין בייאנארטעל ארום בויך וואס וואר פול מיט געלט אויף (הוצאות) דער צו נאך אפעקעלע (מצות) מיט אפלאש וואסער אונ דארט לעבין דעם טויער איזט שוין געשטאנען איין געזאטעלטער פערד · נון האט זיך דער ר' מרדכי ארויף געזעצט אויף אים האט אים אקלאפ געטאן מיט דיא שפאהרען · אונ איז אוועק זויא אבליץ . קיין ווין · אונ קיינער האט דער פון גאר ניט געוואוסט לבד דער רב :

ויהי אחר התפלה) אונ עס וואר באלד נאך דעם דאווענען האט דער רב געלאזט איין לאדען צו זיך דיא (ראשי הקהל) אונ דיא דיינים צו איינער געהיימע אסיפה אונ דארט האט דער רב יעהערין בעזונדער בעשווארין דאס ער זאל עס האלטען בסוד · אונ אלס אלע האבין שוין אויף זיך (מקבל) גיווען (באלה ובשבועה) ניט מגלה עס צו זיין האט ער צו זייא אזו געזאגט : אחי ורעי ! געכטען נאך האלבע נאכט האט אונזער (ר' מרדכי כהן) גאט זאל אים מאריך ימים זיין גאר אונגעריכטערהייר בעקומען אידיעה פון איין גאנץ זיכערין ארט דאס דער . קייזער האט בייא זיך זייער פעסט בעשלאסען ארויס צו טרייבין אלע יודען פון בעהמען לאנד

אונ

אונ פון פראג׳ עס ווייסען נאך אבער פון דיזע (גזירה) קיין ילוד איש
זעלבסט דיא (יועצים) פון דער מדינה אויך ניט׳ אונ ווייל דיזער
ר׳ מרדכי וויים שוין אויך דיא סבה פון דיזע (גזירה) אונ ווייס
שוין אויך דאהער דאס עס איז שוין גאר אונמעגליך עס איבער
צו מאכען דא האט געמוזט דער ר׳ מרדכי אן נעמען גאר איינע
זעלטענע עצה וואס איינער האט אים פארגעלייגט פילייכט וועט
עס אים הורך דעם געלינגען עס מבטל צו זיין׳ אונ צו ליב דעם איז
ער צו מיר געקומען גאנץ שפעט ביי נאכט האט ער מיר דער
ציילט אונ האט ביא מיר געפרעגט צו מאג ער צו ליב דעם פארען
אום (יום טוב) כייטענדיק קיין ווין איך האב אים עס באלד מתיר
געמאכט דען דיא עצה איז מיר זייער געפעלען׳ דען וואס טוט
מען ניט (בעד צרות הכלל) אונ איז זיך אלזוי שוין אוועק
גיפארין קיין ווין איך האפע דאס דיזער ר׳ מרדכי וועט געוויס
אוים פירען דען ער איז אגרויסער חכם אונ אגרויסער, ריידער אין
אלע לשונות׳ האט גרוים חן ביא דיא גרעסטע שרים וואס זיינען
(קרוב למלכות)׳ גענוג בעווייזע דאס ער האט געקענט דער זיין
דיזען סוד פריהער פאר אלע גרויסע לייט מסתמא איז ער שוין אנגענומער
תקיף אין דיא גרעסטע ערטער דער צו איז ער אגרויסער צדיק זיין
זכות וועט אונז אויך זיין צו הילף גענוג מיר דארפין קיין בעסערין
שליח אין דער וועלט ניט פאר אים׳ איך האפע ער וועט (אי״ה)
אוים פירין צו גוטען׳ נון מיינע ליבע ברידער וויסען מוזט איר
עס האמים איר זאלט גאט בעטען אבער שווייגען זאלט איר׳ מען
זאל הער פון חלילה קיין ווארט ריידען דען עס קען חלילה דיא
גרעסטע רעה ארויס קומען דער פון׳ דיזער ר׳ מרדכי איז געפארען
אן איינער ידיעה גור דאריבער ווייל דיא זאך וואר זייער נאהיילנע
ער האט קיין צייט געהאט קיין אויגענבליק זיך צו פערזאמען׳ נון
מיינע ברידער זייט מתפלל דאס ער זאל מצליח זיין אין זיינע
שליחות׳ אונ גייט אהיים זייט ניט מחלל יום טוב׳ שטערט אייך
ניט



נים איינערע פריידען דען איין גאט איז מיט אונז׳ :
גבן) אונ איז זיך איבער געגאנגען נייער שטיל אונ רוהיג דער
פסח׳ אונ אזו אויך אגאנצע וואך נאך אים אונ ערשט ארום (ל״ג
בעומר) האט מען אן געהויבן פון דיזער גזירה צו ריידען דאך איז
עס חלילה ניט ארויס געקומען פון דיא (ראשי הקהל) אונ פון דיא
דיינים וואס דער רב האט זיא עס מגלה געוועזין׳ נייך עס האבין
עס אן געהייבין צו ריידען דער פון גאר דיא פראסטעסטע אידלעך
למשל דיא ראזנאמציקעס וואס טראגען אום נייערע קורצע וואהרען
אין דיא פריצעסע חויפעה׳ ווי האבין דער צוילט דאס דיא (ארופים)
גוילען דאס מען זאל זיא דיא סחורה אוועק געבין (כמעט) גאר
אומזיסט דען זיא זאגען זיא וואס וועט איר גאר טאן מיט
אייערע סחורות׳ איר וועט זיא דאך מיט זיך ניט שלעפין מען
וועט אייך דאך ארויס טרייבין פון גאנץ ווינער אין (תחלת)
האבין זיך דיזע ארעמע יודן גאר גיכט געמאכט ווישין פון דיזע הייר׳
דען זיא האבין ביא זיך געטראכט מאלע וואס איין אדון רעדט
דען עס וואר ביא זיא קיין נאוועגע צו מערין שפאטענדע רייד
אונ קאטאוועס ווערטליך פון זיא׳ דער נאך אבער אלס זיא
האבין געהערט שוין פון וואזנע ציגאוניקעס דאס עס וועט באלד
ווירקליך קומען איין בעפעהל פון קייזער וועגען דעם׳ זייען זיא
געווארין העפטיק צו שראקען אונ זייער געלאפען עס אן זאגין דעם
(פרנס) דעם רב׳ אונ זייען געווארין נאך מעהר צו שראקען אלס זיא
זיינען געוואר געווארין דאס דיא מייסען עס נאך פריהער פאר
זיא׳ אונ דאן איז הורך געלאפין דיזע ביזע בשורה דורך אלע
אידעשע געסלאך געשווינד ווייא איין בליץ׳ אונ עס וואר אין אלע
(בתי מדרשים) גוט גערעט געווארין פון קיין זאך נור פון דיזע
בייזע גזירה אליין׳ אונ דאן ערשט האט מען זיך אן געהייבין צו
שמועסען דאס ר׳ מרדכים אוועק פאהרען אום פסח פונ געווים
זיין וועגען דעם אונ פרט דאס דער ר׳ ליב שמש האט נאך
אויסגעפלוידערט

אויסגעפּלוידערט פאַר אַלעמען דאָס דער ר׳ מרדכי וואָר בייא דעם
רב זייער שפּעט ביי נאַכט נאָך דעם ערשטען סדר נון האָבּין אַלע
שוין פערשטאַנען דאָס דיזער ר׳ מרדכי איז געפאָרען קיין ווין אין
שתדלנות און האָבּין זיך מיט דעם אביסיל בערוהיגט׳ דאָך אָבּער
דיזע האָפנונג אויף דיזעם ר׳ מרדכין האָט זיך אויך באַלד
זייער פערדונקעלט׳ דען צייט ער איז שוין אַוועק געפאָרען
האָט מען פון אים ניט געהערט דאָס מינדעסטע׳ דען עס וואַר
פון אים קיין בריף צו דער פרויא און ניט צו דעם רב׳ מען
האָט מער ניט געוואוסט דאָס ער איז אַוועק געפאָרען פון ווין
מען האָט אָבּער ניכט גיוואוסט וואו היין אויך האָט מען ניט גיוואוסט
צו האָט ער שוין גירעט מיט דעם קייזער צוא ער וועט ערשט נאָך
ריידען׳ נון האָט מען הער ווייטער געמאַכט אַגרויסע אסיפה פון
די גרעסטע און קליגסטע מענטשין׳ און עס איז בייא זיי אַלעמען
געבּליבּין דאָס מען זאָל שיקען דעם קייזער עטליכע דעפּוטירטע
(משולחים) דאָס זייא זאָלען אים פאַלען צוא די פיס. און פאַר שטעלען
די אונשולדיקייט פון די יהודים און בעטין אים מיט גרויס
געוויין דאָס ער זאָל די גזרה רעה מבטל זיין׳ צוא דיזעם הסכם
אָבּער האָט דער רב ניט מסכים גיוועזן. ניין האָט ער גיזאָגט. ווען
עס איז נור מעגליך צוא העלפּין דאַרפין מיר קיין אַנדערין ניט
אַלס דיזען ר׳ מרדכי דען ווער איז נאָך אַזוא אַ ריידער וויא ער איז
און ווער האָט נאָך אַזו אַגוט הערץ וויא ער האָט צוא טאָן אַזוא
(לטובת הכלל) און אויך (לטובת היחיד)׳ איך האָב נאָך פחד דאָס
איר וועט מיט אייערע דעפּוטירטע נאָך מעהר שאַדען אַלס העלפען
דען וויא איך האָב שוין גיהערט פון דעם ר׳ מרדכי אַליין פאַר זיין
אַוועק פאָרען וועט דער בייא גאָר קיין געבּיט און געבאָט העלפען
דען העטע עס יוא גיקענט העלפען וואָלט שוין דאָס לאַנג בטל גיוואָרין
דען עס האָט שוין איינער דעם קייזער גיבעטין פאַר אונז אַזוא איינער
וואָס איז פיל וויכטיגער אַלס מיר אַלע און עס וואָר אומזאָנסט דען
די



די אורזאַך פון דעם קייזערס גזר איז ניט אונזער שולד׳ עס איז
וואָס אַנדערש׳ מיר קענען זיין אונשולדיג וויא אַיין פרידליכער
אייגעל׳ איז עס אויך ניט שייך צוא דיזער זאַך׳ ענדליך איז
דער צו דאָ נור אַיין מיטעל און דיזען מיטעל וועט נור דער ר׳
מרדכי פרובּירען׳ וועט עס גיין איז גוט׳ ווען ניט חלילה איז אַלין
פערלאָרען׳ און עס בּלייבּט אונז ניט איבּעריג נור צו בעטען
גאָט דאָס ער זאָל אונז געבּען כח און קראַפט אויס צוא שטיין
דיזע צרות:

מאז ומקדם) פון לאַנגע דאַמען אָן האָט אַהב אַגרויסע דעה
אין פראָג און בפרט דיזער רב וואָס וואַר אַגרויסער חכם׳ און
בפרט נאָך אין דיזען אינטערעס וואָס ער האָט אין אים געווייט
טיפערע בּליקען אַלס זייא אַלע׳ דאַהער איז בייא זייא געבּליבּין
דאָס זייא זאָלען פאָלגען דעם רב און זאָלען אָפּ וואַרטען די
זאַך מיט גרויס געדולד.—

וויא טרויעריג און קימערליך דיזעס וואַרטין דיזע אונגעוויסעהייט
צו דאָ צו פאַר בּלייבּין אָדער אויס צו וואַנדערען מוזען׳ וואָר
דאַן פאַר די דענקמאַליגע פּראַגער יודען׳ איז עס אונז אין
די איצטיגע צייטען (וואָס דאָס אויס וואַנדערען פון אַיחיד פון
איין טייל וועלט אין דער אַנדערער טייל וועלט איז אַיין זייער
לייכטע זאַך׳) גאַר אונמעגליך עס צו בעגרייפען׳ ערסטענס איז ניט
גליך די אויס וואַנדערונג פון אַיחיד צוא די אויס וואַנדערונג
פון אַרבּים׳ די אויס וואַנדערונג מיט אַגוטען ווילען צוא דער
אויס וואַנדערונג וואָס וואַר געצוואונגען׳ דען וויא מיר ווייסען פון
אונזערע אַלטע געשיכטען׳ האָט יעדער גרוש נאָך געשלעפט נאָך
זיך די גרעסטע אָרעמקייט׳ ווייל מען האָט געמוזט פערקויפען
די (נחלאות) און די סחורות (בחנם)׳ אָדער גאָר אַזו
אַוועק וואַרפען׳ דען מען האָט ניט גיקענט קריגין קונים אַזו
פיל אויף יעדער זאַך׳ און פשיטא שוין דאָס מען האָט ניט גיקענט
איין

the implications of expulsion

אין מאגען די חובות וואס עס האט געקוקט פון די קריסטען און די אהעטקייט האט נאך געשלעפט נאך זיך גרויסע קראנקהייטען דען מען האט זיך דאן געמוזט שלעפען וואו די אויגען האבען נור געטראגען׃ דען אין לענגע צייטען מארען די מגורשים גאר אין הפקר זאך אן שוץ׃ אן אשום צנל וואו הין זיך צו ווענדען און צו קערין׃ בייא אטלכע געצוואונגענע אויס וואנדערונגען׃ פלעגען זיך צוזאמען אלע היילינע בענדע פון דער נאטור און פון דער ליבע׃ עס פלעגט זיך מוזען שיידען אזון פון דעם פאטער׃ אטאבטער פון דער מוטער׃ אתתן פון זיינער געליבטע כלה׃ דוייל יעבערער וואר באזארגט נור פאר זיין אייגענעם לעבען׃ און האט זיך געווענדעט וואו נור זיינע פים האבען אים געטראגען׃ יעדערער אין איין אנדער וועג׃ דיזע געליבטע פרייזונגען פלעגען זיך מוזען זעגענען אויף אימער און איביג דען זייא האבען שוין ניט געהאפט זיך ווידער צוא זעהן׃ און אזו וואר זייא הארץ רייסענד צו שיידען זיך פון זייערע אלטע קברים׃ דען זייא האבען אויף קלאר געוואוסט דאס זייא גייען אוועק פון זייא אום נור צוא שטארבען אנדערש וואו אבער ניט צוא לעבען׃ דאס מיט רעכט האט דאן איין איקעשער משורר (פאעט) גיזאגט דער פויגעל האט זיין נעסט׃ דער פוקס האט זיין לאך (נארע)׃ דער יודע אבער גור זיין גראב (קבר)׃

התלאות האלה כתומם) אלע דיזע אונגליקען האבין זיך אין זייער רעכטין גרעסע (גרויסקייט) פאר גישטעלט דאן געבאך פאר די פראגער אידען׃ און האבין אין שטילין בעוויינט דיזעם אונגליק וואס קומט אן צו זייא מיט גישווינטע טריט׃

וכן בא היום) און אזו האט אן גיטראפען דער טאג וואס האט גימאכט פון דעם (ספק אודאי) דען אין דעם צוועיטען (סיון) איז שוין ארויס דער קייזערליכער באפעל דאס אין אצייט פון אכט טעג מוזין אלע יודען ארויס וואנדערין פון פראג׃ און פון גאנץ

the decree



גאנץ בעהמען לאנד׃ דער באפעל איז אריין צו דעם גובערנאטער׃ און דער גובערנאטער האט אים אריין גישיקט דעם זעלבין טאג אין דעם יודען קווארטיל׃ עס וואר דער בייא קיין אויסנאך גיזאגט פאר וואס און פאר וועו׃ נור גלאט גלוכע גישריבען דאס וויא זאלין ארויס׃ נון וואר שוין געווענט גאנץ פובליצנע׃ מער מענטשין זייגען גיבליבין אין אונגמאכט׃ דען מען האט זיך נאך גאר ניט גערעכט דאס דער אוקאז זאל שוין קומען׃ מען האט נאך אלץ גיהאפט אויף איין בעסערע ענדע׃ וויינגסטענס דאס ער וועט געבין אנדערע צייט דאס מען זאל דער ווייליע פטפויען אויס צו זוכען זיך איין ארט און איין אנדערע לאנד׃ אויך וועט מען קענען דער ווייליע פאר קויפין וואס מען האט׃ אויף אזו איין געשווינטע קויל האט זיך קיינער ניט גערעכט׃ נאך מער האט די יודען געקרענקט ווארום שרייבט דער קייזער ניט ארויס דיא סבת פון דיזען גירוש׃ וויא עס פלעגט צוא זיין בייא די פאריגע גרושין׃ דאס עס פלעגט נאך בלייבין איינע קליינע האפענונג צוא פאר ענטפערין זיך — און עס וואר אלס מען איז אביסעל צוא זיך געקומען האט מען אנגיהויבין אלץ צוא געלט צוא מאכען׃ מען האט אן געהויבין צוא פערקויפען דיזערי סחורות און אנדער אויגער אלץ וועלנועלעג פאר דעם אנדערין׃ באלד אבער האט זיך בעוויזען דאס עס זייגען גאר ניט דא אזו פיל קויפער וויא פיל פאר קויפער׃ דיא (בעלי חובות) האבין פארשפראכען צוא בעצאלען ערסט אין עטליכע וואכען ארום אלס עס וועט שוין ניט זיין זייער עס זאל בייא זייא מאנען׃

לבד זאת) אויסער דעם האט זיך נאך געמאכט צוא דער סבה אפריסצינג׃ דער גובערנאטער האט גיגעבין אבעפעל דאס קיין איד מאר ניט ארויס פארען פון שטאט ביז דעם בעשטימטען טאג׃ וואס דער קייזער האט וואונאצעט׃ דאמיט זייא זאלען צאלען זייער גלייט געלט (דאס איז שוץ געלט דאס הייסט פאר וואס מעשיצט

מעשיצט זייא) ביז דער לעצטע מינוט וואס דאס איז ביז זייגער צוועלף פון דעם אכטען טאג וואס דאן וועט זיך אן הויבין שוין דער גרוש דער ווייל וואלרע זיך דיזע שטליכע טעג וואס זיינען זיך איבער גינאנגען פון דעם אביאווען דעם אוקאז ביז דעם טאג פון דעם טערמין איינע העכסט ביטערע צייט פאר דיא פראגער יודען · דען מען האט ניט געוואוסט וואו הין זאל מען זיך קערין אונ ווענדען · דער ווילע האט דער רב גילאזט מאכען אגרויסע אסיפה · אום זיך מייעץ צו זיין וואס מען זאל טאן מיט דיא (כלי קדש) פון דיא שולין · למשל מיט דיא (ספרי תורות) · מיט דיא (ספרים) · מיט דיא לייכטער אונ דאס גלייכין · זייא האבין אבער זייערע דעות ניט גיקאנט אויס גלייכין אין דיזער זאך · דען דעם רבם דעה וואר שוין איצונד זייער געוועזען בייא דעם עולם · דאס אטייל פון זייא האבין אים שוין גיקענט זאגין איהם געזויכט. מיר האבין אונרעכט דאס מיר האבין אייך גיפאלגט אונ ניט געשיקט קיין דעפאטירטע צום קייזער · מיר וואלטין דער בייא ניט אן געווארין · אונ פילייכט פערדיכט וואס · דען שלימער וויא איצט קען שוין ניט זיין" דער רב וואס האט ניט גיהאט וואס צוא ענטפערין דארויף האט אפ געטראטין פון דער אסיפה · אונ אזו האבין גיטאן אנדערע אויך · אונ ערסט פאר דיא נאכט וואס גיהערט צו דעם אכטין טאג האט מען זיך אויס געגליכען צוא חישין זיך אונ עס איז געבליבין דאס דיא (ספרי תורות) · דיא (כלי קודש) · אונ דיא קהלשע קאסע זאל דער רב מיט דעם פרנס אונ מיט דעם גבאי זאלין עס אוועק פירין קיין פורטה · אונ זאלין עס איבער געבין צו דער דארטיגען געמיינדע · אונ עס זאל דאס זיין בייא זייא אזו לאנג ביז דער גרעסטער טייל פון פראגער געמיינדע וועלין זיך אויס זוכען אשטאט וואס זייא זאלין דארט קענען רוהיג וואוינען · אונ דאן וועט מען זייא עס אלין צו ריק אפ געבין :





ויהי אך האיר הבוקר) קוים האט אן געהייבין דער אכטער טאג צו בעגינען האט מען שוין אן געהייבין צו דאווענען אין דיא שולין · אין דער אלט נייע שול וואס דארט איז האט דער רב אליין גידאווינט פאר דעם עמוד · דיא שול וואר דאן פול אונ פאק · עס וואר דארט נאך קיין מאל אזו ערינסט גידאווינט וויא אין דיזעם טאג · עס וואר דארט דאן פאר נאסין גיווארין טיכער טרערין · דען קיינער האט ניט גיקענט אויס האלטין גיט ווייגענדיג דעם גידאנקען צו שיידען זיך מיט דיזעם אלטין (מקום קדוש) · צו ליב דיזעם טרויער האט זיך יעדערער פאר געסין אן זיין אייגענם אונגליק · נאך דעם דאווענען איז דער רב ארויף אויף דיא טרעפליך פון (ארון הקודש) · אום צו זעגענען זיך מיט דיזעם היילינין ארט וואס ער פלעגט דארט אימער צו דארשענען · אום ווידער צוא מוסרין דעם עולם · אונ צוא שטארקין זייא מיט זייגע רייד דאס זייא זאלין זייער מוטה ניט פאר לירין · אונ האלטין זיך שטייף אן דיא אידעשקייט אונ האט אזו אן געהייבין ליבע ברידער — · אונ איז גיבליבין דער בייא שטיל · דען עס האט אים אזו ווייט פערקלעמט דאס הערץ דאס ער האט קיין ווארט מער גיקענט ארויס ריידין · אונ אזו וואר שטיל אין דער שול · דען קיינער האט זיך ניט גיוועגט אויסצוא טאן · נון האט דער רב זיך אום גיווענדעט צו דעם (ארון הקודש) · האט אקוס גיטאן דעם (פרוכת) האט גיעפינט דיא טיהליך אונ האט ארויס גינומען דיא (ספרי תורות) איינע נאך דיא אנדערע אונ האט זייא איבער גיגעבין צו דעם פרנס אונ צו דעם גבאי וואס זיינען ארויף צו אים ניט גירופענער הייד · האט דער נאך אקליין געבעט גיזאגט · דער נאך זיינען אלע מיט אגרויס גיוויין ארויס פון שול · נאך דעם גאנצין עולם איז נאך גינאנגען דער רב · נאך אים דער פרנס וואס האט פאר שלאסין דיא שול · אונ האט איבער גיגעבין דיא שליסיל צו דעם רב אין האנד · מען האט דער בייא גימערקט דאס דער



ROV'S FAREWELL SERMON

רב און דער פרנס האבן געוואלט מיט איינאנדער שפרעכין · דען גם האבין זיך ביידע ליפע אן גיהייבן צו בעוועגין · זייא האבין אבער דאך ניט געשפראכין דען זייא וואורין העכסט פאר קלעמט · שמערצליכער האט שוין דער (כהן גדול) ניט גיקענט פילען בשעת ער איז ארויס צום לעצטין מאל פון (בית המקדש) און האט אווארף גינומען דיא שליסיל צום הימיל · און האט גיזאגט (רבונו של עולם) ווען איך בין שוין ניט ווערט צו זיין איין גבאי אין דיזעם הויז אט נעם זע צו דיא שליסיל פון מיינער האנד און דיא שליסיל וויא אונזערע חכמים דער ציילין איז שוין מער ניט צו ריק אראפ גיפאלין · דיזע (ספרי תורות) האט מען דער ווייליע אפ גילייגט ביי דעם רב אין שטוב ביז מען וועט אן הייבין ארויס צו ציהען · פון דעם רבס שטוב איז דער גאנצער עולם מיט דעם רב אוועק אויף דעם (בית עולם) אום צו נעמען אפשייד פון דיא הייליגע קברים · עס וואר דארט ניט גיוויינט ניט גירעדט · דען דער עולם האט שוין ניט גיהאט קיין טרערין און קיין דבורים · דען וויא פיל מען האט נור גיהאט האט מען שוין אין שול אויס גישאסין און אויס גיגאסין · יעדערער איז נור גישטאנען אין דרייען געביגט לעבין דער מצבה פון זיין עלטעריגס גרוב · אונטער דיזע לייט וואר צו זעהן אויך דיא ביילע דעם ר' מרדכיס ווייב · בארעקט מיט איין צוויא פאכעם טרויער · בעקימערט אום צרות הכלל און ווידער אום איר אייגענע צרה · דען זיא ווייס ניט וואס עס איז מיט איר מאן גיווארין · איר פריידע און איר שטיצע פון איר יוגענד אן און בפרט נאך איצונד · דען זיא האט דאך חתונה גיהאט מיט אים נור צו ליב אזו אצייט :

אויף דעם (בית עולם) זיינען אלע גיקומען מיט אמאל · פון איינאנדער גיגאנגען זיינען זייא ביסלאך ווייס · און אזוי אין אקורצע צייט איז שוין ניט איינער דארט גיבליבין · דען יעדער האט זיך געאיילט אהיים צוא מאכין זיך פארטיג צו דער רייזע · דיא

מינוטין



מינוטין זיינען גיציילט און דיא הכנה מוז זיין זייער גרויס · זייגער עלף ביי טאג האט מען גיעפינט איין טויער פון דעם אידעשין קווארטיל · וואס דורך אים האבין גידארפט אלע ארויס ציהען · אויף דעם פלאץ פון דיזעם קווארטיל זיינען גישטאנען צוויא פולקין פיהאטע און אביסיל ווייטער אויף פערדע · אגרויסער נאראר פון קריסטין האבין זיך דארט פערזאמעלט אום צוא זעהן דיזע זעלטענע שצענע זויא דער אלטער שפריכווארט זאגט · פאר וועמען עס איז אנגעווין · פאר וועמען עס איז דאס אשפיל · איין גרויסער פולקאווניק וואר גישטעלט פון דעם גובערנאטר · דאס ער זאל איבער זעהן יעדע פאמיליע בעזונדער און ארויס לאזין זייא איינציג ווייס אום צוא זעהען צוא האבין זייא אין גיצאלט רזכותי זייער גליים · און זאלין זאגין דורך וועלכין טויער פון שטאט זילין זייא ארויס ציהען · עס איז ניט צו באשרייבין וואס פאר איין גירודער עס וואר דאן צו ווישין דיא יודען · לעבין איינגע הייזער זיינען גישטאנען קליינע פורלאך מיט קליינע פערדלאך · דאס וואר אן גיגרייט נור פאר אלטע און פאר קראנקע וואס קענען ניט גיין צו פוס · און אזוי זיינען גישטאנען לעבין יעדער טיר איין גיזעסעל מיט רייזע שטעקענס אין איינער האנד און מיט דער אנדערער האנד האבין זייא צו געהאלטין דיא קלומקעס וואס זייא האבין גיטראגין אויף דיא פלייצעס וואס דארין וואר דיא ביסעלע ארעמקייט · און דיא ווייבער האבין נאך געהאלטין דער צוא דיא זייגעדיגע קינדער ביי דער ברוסט · האלב צוועלף האט דער פולקאווניק געשיקט איין טרומיטער אויף אפערד דאס ער זאל אויס טרומיטערין אין דיא אידעשע גאסין דאס זיי האבין נאך דא צייט איינע האלבע שטונדע נור צוא פערבלייבין · דא האט מען אן גיהייבין זיך צוא זעגענען איינער מיט דעם אנדערין · עס האט גענומען אפשייד אברודער פון אברודער · אפריינד פון אפריינד · דען יעדערער בעזונדער האט גיוואלט

איי'

אין שלאגען איין אנדער וועג · עס וואר דאן דיא לעצטע טרער אויס געפרעסט · דער רב מיט דעם (בית דין) האבען זיך געשטעלט ביא דעם טויער דורך וועלכען זייא האבען גידארפט ארויס ציהען אום צוא טרייסטען זייא אויף דעם וועג אונ צוא בענטשין זייא · אונ דאן האט מען דער הערט דיא שטימע פון דעם פולקאווניק וואס האט אן גיהייבין צוא קאמאנדירען דיא פולקען · דא האבין זיך דיא פיערטאטע אויס גישטעלט אין פרונט · אונ דער זייגער האט אלזוי געשלאגין שוין צוועלף · אונ מיט דיזעם שלאג צוא גלייך האט דער רב אן געהייבין צוא זאגען זיין ברכה · אונ איין צוא פליסען מוטה · דאס זייא זאלען זיך איבער געבין אין גאטעס האנד · אונטער דעם שוץ פון דעם אלמען אירעשין פיהרער אונ היטער · עס וואר דאן שטיל אונטער דאס פאלק וויא דארט אויף דעם (בית עולם) אונ מען האט אויס גיהערט אלע צוועלף קלעפ פון דעם שטאט זייגער ׃

ויהי) אונ עס וואר אלס דער זייגער האט שוין דעם לעצטען קלאפ געטאן האט מען דער הערט דיא זעצען פון איין געשטימטען פערד וואס לייפט זייער געשווינט איבער דעם ברוק · אלע אויגען האבין זיך אהין געווענדעט צו דער זייט פון וואנען דיא קלאפ פון דיא פאדקעוועס הערט זיך · דאס הייסט צוא דעם יעזואיטין קלויסטער · דא האט מען דער זעהען וויא איין רייטער לייפט צו דער יודענשטאדט זייער האסטיג · דאס דער פערד איז זייער פערשוויצט · פערשוימט · אונ פערבלוטיגט · אונ דער רייטער וואס איז געזעסען אויף אים וואר אויס געצויגען איבער דעם קאפ פון דעם פערד אונ האט אלץ מיט דיא שפארען געשלאגין אין דיא זייטען פון פערד וואס פון דארט האט גערונען דאס בלוט · אונ וואר זייער פערשטויבט אונ פארשאפעט · אין דער האנד האט ער געהאלטען איין צוזאמען געוויקעלטען פארמעגט אויס גישטרעקטערהייד · אונ

SAVED IN THE LAST MINUTE



אונ האט געשריען · געגנאדע ! געגנאדע ! אין דעם נאמען פון קייזער ! ׃

אונ אזו שרייענדיק האט ער פלעצליך דעם פערד אפ געהאלטען אונ האט איבער געגעבין דאס שריפט דעם קאמאנדאנט אונ דאן איז ארויס איין וואכעמע הויך פון דעם פערד ער האט זיך איין ציהע גיטאן אונ איז גיפאלין אטויטער צו דער ערד אונ אזו אויך איז דער רייטער גיפאלין אין חלשות לעבין דעם פערד · אין דיזעם אויגענבליק איז גיקומען צו רייטען איין קייזערליכער אפיצער אונ איין טרומייטערע · איז אים נאך גירייטען האט אויף געהויבין אויסע פאנע אונ האט גישריען איך זאג איך דאס ועלביגע אין דעם קייזערס נאמען געגנאדע געגנאדע ! ׃ אונ עס וואר אלס דער פולקאווניק האט דער קאנט דעם קייזערס חתימה האט ער אראפ גינומען דיא היטיל אונ האט גילייענט דאס דער קייזער איז מבטל דעם אוקאז זייגעם פון דעם גרוש · דיזעם אלעם האט געדויערט ניט איין מינוט אונ אין דעם האט זיך אן גיהויבין צו הערין איין געשהייא · ה' מרבכי ! — — טאטע ! — — דען ביילע מיט איהרע קינדער זיינען ארויס גילאפין פון דעם גרויסין עולם צוא דעם מאן אונ צו דעם פאטער ועלבסט דיא קריסטען וואס זיינען געשטאנען דא אגאנצען פאר מיטאג אין גהוים (עגמת נפש) דען עס האט זייא אויף זייער פעקרייגקט צו זעהען אזו אגוואלטיגין אונ אונגערעכטען עלינד האבין צו זאמען מיט דיא יודען אויס גישריען עס זאל לעבין דער קייזער עס זאל לעבין פערדינאנד דער ערשטער באלד דארויף האבין דיא מוזיקע גישפילט איין לוסטיגען מארש ; עס איז קיינע קענטשליכע פעדער אים שטאנדע צו בעשרייבין דיא פרויידען פון דיזע אונגליקליכע יודען אלס זייא האבין דער הערט דיזע בשורה טובה עס איז געוואהרין ליכטיג אויף איין מאל אין זייערע פינסטערע הערצער מען קען עס נור מיט פילען אבער נים אויס רייערען דער וויל האט זיך יעדער גידרונגען צו דעם ה' מרדכי

וואס

GOYISH SYMPATHIES

וואס ער איז דא גילעגין אין חלשות ׳ דיא וואס האבין זוכה גיוועזן צו צו קומען צו אים האבין אים זיינע פאלעס געקוסט דיא איבעריגע האבין דיא ערד גיקוסט וואו זיין פערד האט גיטראטין נך האט מען אין גיהובין אים אויף דיא הענד צו טראגין אהיים עס וואר שוין אבער דארט אויך פול ׳ דא האט דער רב גיזאגט „ליבע פריינד! לאמיר דיזען ר׳ מרדכי לאזין אין פרידען ביא זיינער פאמיליע דאמיט זייא זאלין אים אפ צוכען אונ שטארקין דאס ער זאל צו זיך קומען אונ מיר זאלין אין שול ארײן גיין אונ דאנקין דעם (בורא ברוך הוא) פאר זיינע אונגיריכטע הילפע״ „גאנץ רעכט״ האבין אלע אויס גישריען „גאנץ רעכט לאמיר גיין אין שול אריין״ אונ אזו זיינען זייא אלע אוועק אין שול אונ האבין דארט גיזאגט דעם (הלל הגדול) מיט גרויס ברען :

והאיש מרדכי) אונ דער ר׳ מרדכי איז גילעגין ביא זיך אין שטוב גאר וויא אן זיך ׳ ווייב אונ קינדער זיינען גישטאנען ארום אים דיא אויגין טרערין נאך ביא אים צו גימאכט אונ דער נאך אלס ער האט זייא גיעפינט האבין זייא דער זעהן דאס דאס לינקע אויג איז ביא אים אויס גישטאכין אונ איז בלינד אויף איר :

אהה) ווייהע מיר גרויסער גאט ! ׳ האט דיא ווייב אויס גישריען „וואס איז דיא מעשה מיט דיין אויג ? ״ „זייא רוהיג מיינע ליבע ביילע״ האט איר דער ר׳ מרדכי גיענטפערט „וויין ניסט זייא רוהיג שלמה ! — בצלאל ! — ניסט קשה איך בין גיזונד איך בין ניסט קשה איך בין אזו גאר גליקליך אה נאך פיל גליקליכער אלס איך וואר אמאל אין מיינעם לעבין״ „גאט זייא דאנק דאס איך בין ווידער ביא מיר דער ליבער גאט האט מיך מצליח גיוועזן אין מיינע שליחות אונזערע ברידער וועלין שוין מער ניט פערטריבען ווערין פון זייער היים אונ וועלין שוין ניט ארײן גיווארפין ווערין אין אונגליק אונ אין שאנדע אונ וואס קימערט איר אייך נאך אום מיך איינציגען ׳ אונ

וואס



וואס איז מין אויג בערך דעם (טובת הכלל) איך האב מיט איר אגרויסע מציאה גיהאנדעלט ׳ זייט רוהיג מיינע ליבע ׳ אונ לויבט דעם בעשעפער וואס אים איז עס אזו גיפעלין מיר איין אויג צו צו נעמען״ דיזע ווערטער האבין זייער גירירט ווייב אונ קינדער ׳ זייא זיינען אויף אים ארויף גיפאלין אונ האבין אים גיקושט הענד אונ פיס דיא ביילע האט גאט גידאנקט וואס ער האט איר גיגעבין אזו אטייערין מאן ׳ אונ דיא קינדער האבין אים געפריזט וואס ער האט זייא גיגעבין אזו אטייערין פאטער ׳ וואס ער איז (אגואל) פון זייער פאלק :

ויהי) אונ עס וואר אום (שבת) נאך דעם דאווענען איז גיגאנגין דער רב ׳ דער פרנס דער גבאי אונ אפאר (משולחים) פון דיא קלענערע שטעט צוא דעם ר׳ מרדכי אום צו דאנקין אים אין דעם נאמען פון אלע אידישע גימיינדען (בכלל) אונ פון פראגער גימיינדע אין (פרט) ׳ דיזער ר׳ מרדכי האט זייא אויף גינומען מיט גרויס (כבוד) אונ דער צו נאך מיט גרויסע (עניוות) דען ער האט גיזאגט דאס עס קומט אים גאר קיין דאנק ׳ אונ עס וואר אלס זייא האבין זיך אנידער גיזעצט ביא אים האט ער צו זייא אזו גיזאגט „איך פערשטייא זייער גוט מיינע ליבע פריינד דאס איר זייט בודאי נייגעריג (לובעפיטגע) צו וויסין וויא אזו דער (בורא ברוך הוא) דער (שומר ישראל) האט דיזע גזרה דורך מיך מבטל גיוועזן ׳ אונ דאס זאל עס באלד גישעהען איך וועל עס אייך דער ציילין דאמיט עס זאל דיזער נס ניט פערגעסין ווערין פון אונזערע שפעטערע דורות ׳ נור (בתנאי) דאס איר זאלט מיר פערשפרעכין דאס איר זאלט אלין וואס איך וועל אייך דא דער ציילין זאל עס בלייבין ביא אייך בסודי סודות כל זמן איך אונ דעם קייזערס געהיימסעקרעטער וועט נאך לעבין ׳ ערסט נאך אונזער טויט נייט איר פטור פון דיזעם הייליגין פערשפרעכען״ אונ אלס אלע האבין גיגעבין זייער הייליגער ווארט דארויף האט ער צוא זייא גיזאגט „נון בעט איך אייך דאס איר

דא זאלט

זאלט ערלויבן דאס מיינע פרויא אונ מיינע צווייא עלטערע זין זאלין
אויך זיין ביא דיזער ערציילונג · דען איך האב ביז אהער אויך זייא
אוואַרט דער פון ניט דער ציילט:

HIS STORY

ויהי) אונ עס וואר אלס אלע האבין זיך ארום גיזעצט ביא
אים ארום טיש · האט דער ר' מרדכי אזו אן גיהייבין צו דער ציילין ·
אין דיא נאכט פון ערסטין סדר האט מיך דעם קייזערס סעקרעטער
דער ציילט דאס דער קייזער האט אין חלום א נדר גיטאן דאס ער
זאל אין אמשך פון דרייא (חדשים) ארויס טרייבין אלע יודען פון
בעהמען · דאס האט מער ניט געוואוסט דער ווייל ווי ער אליין
אין דער זעלבינע נאכט וואס האט זיך דעם קייזער גיחאלעמט
ווייל דער קייזער האט עס אים באלד דער ציילט · אונ האט אים
אויך געזאגט דאס ער וויל דיזען נדר טאקע מקיים זיין · אויס
גרויס דאנקבארקייט צו מיר אבער · האט ער בענוצט איינע גליקליכע
גילעגענהייט אויס צו בעטין ביא דעם קייזער איין אורלויב אויף
שיינע עטליכע טעג צו פארין אהיים צו זיך קיין אונגארין · אונ
איז גאר אראפ גיפארין צו מיר אום צו מעלדין מיר דיזע שרעקליכע
נייעקייט · אונ האט מיר צו גלייך אויך בעקאנט גימאכט דאס
דער צו וועט ניט העלפין קיין געבעט אונ קיין גיבעט · דען ער
וועט פאר געוויס זיין נדר ניט משנה זיין · דא קען מער ניט
ווירקין סיידען דער פאפסט זאל אים (מתיר נדר) זיין ווייל נור
ער האט עס בכח · נון מוז מען דאך בעטין דעם קייזער
דאס ער זאל בעטין דעם פאפסט · דאס ער זאל אים ווירקליך דיזען
שעדליכין (נדר מתיר) זיין · אונ דיזעס צו פועלין ביא דעם קייזער
האט עס מער ניט גיקענט זיין חיבה דורך דעם פלאן וואס דער
סעקרעטער האט מיר גיזאגט · אונ אלס איך האב מיך מיט איין
עצה גיהאלטין איבער דיזער זאך אונ איר האט מיך מתיר גיוועזן
צו רייטען אום (יום טוב) · בין איך אוועק גערייטין קיין ווין דעם
ערשטין טאג (יום טוב) גאנץ פריא · אונ אין דעם פערטין טאג
בין



בין איך גיקומען אין דער רעזעדענץ (לשלום) אונ וויא מידע איך
וואר פון דעם ווייטען רייטין · האב איך מיך דאך אין דעם
זעלבין טאג גימוזט פאר דעם קייזער שטעלין אונ רעדין מיט אים
דען איך האב מיך גימוזט איילען צו שפרעכין מיט דעם קייזער
בעפאר נאך עס וועט זיך שוין ענדין דיא צייט פון דעם סעקרעטערס
אורלויב · דען שפעטער וואלט דער קייזער פערגעוויס אן גימערקט
דאס דער סעקרעטער האט מיך דיזע נייעס אן גימעלדעט · בשעת
איך בין גיקומען קיין ווין טאר זייגער אכט · איך האב מיך
גיאיילט צו דיזער שטונדע ווייל איך האב נאך זייענדיג אין פראג
גיוואוסט דאס דער קייזער אלע פריא מארגען גייענדיג פון
זיין הויזקירכע נעמט ער צו ביטשריפטען · אונ הערט אויס אויך
קליינע (ענינים) אויסטענע (מוגליך) · איך האב מיך גיאיילט : האב
אויס גיטאן דיא גיוועהר אונ מיינע רייזע קליידער אונ בין גילאפין
צו דעם פלאץ אונ בין ארייןגינאנגין אין בורגהאף אונ האב מיך
גישטעלט ביא דיא טרעפ וואס פיהרט צו דעם קייזערס גאנג · איך
האב דער ווייסט דארט אגרויסער קאראוול · אונ דער דעזורנער אפיצער
האט מיר גיזאגט דאס גראדע היינט וועט זיין דיזער גאנג פאר
שלאסין פאר אלעמען · ווייל דער קייזער וועט היינט גראדע בעטין
אין דעם קאפוצינער קלויסטער · דיזען נאבריכט האט מיר אין דרייען
גיבייגט · אונ האב דאך גיהאט מוטה צו פרעגין דעם דעזורנעם .צו
איז ניט מעגליך היינט צו רייכין אויסטענע (מוגליך) מיט דעם קייזער
.איך בין זייער מסופק · האט ער מיר גיענטפערט · אונ האט דער
ביא גיקוועצט מיט דיא אקסלען · דען באמת האט מען שוין צייט
דרייא טעג קיין (ילוד איש) ניט צווא גילאזין צווא אים · אויף איין
אוידיענץ (גיהער) · אין דיזעם אויגענבליק איז ארייןגיפארין דיא
קארעטע פון קייזער מיט דרייא פערד פאראויס · האט זיך ציינער
געשווינט אקערעווע גיטאן צו דיא טרעפ · אונ דער קאמערדינער
האט דעם קייזער ארויס גינומען פון דער קארעטע · אונ ווייל עס
איז

ACCIDENTAL MEETING WITH THE KING

איז מיר דורך דעם אוים גיקומען צו שטיין דאן הארט לעבין דעם קייזער · האב איך גיזעהען וויא נור מעגליך צו בענוצין דיזען אויגענבליק · האב אראפ גיכאפט דיא היטעל אונ בין גיפאלין פאר אים אויף דיא קניע אונ אלם דער קייזער האט בעמערקט דאס איך וויל ריידין · האט ער מיך גיפרעגט „וואס ווילסטו ?“ „איך פערלאנגע“ האב איך אים גיענטפערט „דאס אייער מאיעסטעט זאל מיר געבין איינע קורצע אודיענץ (געהער אדער אויס הערונג) דען דורך דעם קענען זייער פיל אייערע אונשולדיגע אונ טרייע אונטערטאנען פון אנרייסען אונגליק גערעטעט ווערין“. „אונ ווער ביזט דוא אונ פון וואנען קומסט דוא ?“ האט ער מיך גיפרעגט · „איך בין דער אונטערטעניגסטער קאמער קנעכט פון אייער מאיעסטעט“ (אזוי פלעגין דאן דיא יודען דארט הייסין) האב איך אים גיענטפערט „אונ הייס (מרדכי כהן) פון פראג · עס איז דרייא טעג דאס איך בין פון דארט · איך האב מיך אזו גיאיילט דאס איך האב אין וויא קיין אויג צו גיטאן דאמיט איך זאל מיין בקשה וואס צום גיבעטין קענען פאר לייגין פאר אייער מאיעסטעט“ :

„אתידוש נפלא'“ האט דער קייזער גיזאגט צו זיך אליין אין דער שטיל · אונ האט זיך באלד אפגירופין צו דעם גראף עגענבערג „פיהרט אריין דעם יודען אין דעם אודיענץ צימער“ (גיהער זאל) · אונ ער אליין דער קייזער איז ארויף אויף דיא טרעפ מיט איין קאמערהער · אונ יענער האט מיך אריין געפירט אין איין קליינעם אודיענץ זאל · ער האט מיך אבער דארט גילאזט איינע היפשע צייט ווארטין אויף אים ; מען קען זיך זייער לייכט פארשטעלין אין וואס פאר אלאנגע איך וואר דארט · דען צייט מיין לעבין האב איך נאך מיט קיין קיסער גירעט · איך האב גיוואלט בייגע גידאנקען דער היילע אהרענען (מסדר זיין) וויא צו ריידין מיט אים · איך האב עס אבער אויך ניט גיקענט · דען איך וואר זייער צוא טראגין · נון בין איך געפאלען אויף דיא קניע פאר גאט אונ האב מתפלל גיוועזען איינע

קורצע

SAME SCENE AS מלכה און הזמנה
WAITING FOR HIS AUDIENCE



קורצע (תפלה) „רבונו של עולם“ האב איך גיזאגט „לייג דוא מיר ווערטער אין מיינעם מונד · דאס דאס הארץ פון מיינעם מאנארכען זאל גירירט ווערין דורך זייא אונ מיין פאלק זאל (נצול) ווערין פון דיזער (גזרה רעה) · דאס איז דיין פאלק ישראל“ . קוים האב איך דיזע קליינע גיבעט גיענדעט האט דער קייזער אויף גימאכט א זייטיגע טיר אונ איז אריין אין דיזעם זאל וואו איך וואר בשעת איך בין אויף גישטאנען ; עס וואר זייער מעגליך דאס דער קייזער איז גישטאנען איינע היפשע ווילע נאך פריער אונטער דער טיר אונ האט זיך איין גיהערט וואס איך האב דא מתפלל גיוועזן :

„גענאדע ! א גענאדע ! פאר דיא אונשולדיגע יודען !“ האב איך אויס גישריען · „א מעכטע דער קייזער זייא ניט ארויס יאגין פון בעהמען לאנד“ · דעם קייזערס גיזיכט איז גיווארין רויט ביי דיזע ווערטער אונ האט גיזאגט „וואס טוט זיך דא מיט מיר · האבין דען ווענט אויערין · אונ צו גלייך צונגען ארויס צו פלוידערין אלץ וואס זייא הערען ? וויא אזוי קען איין אידלאק וויסין וואס איך האב ערסט בדעה צוא טאן“ „פערצייהען זייא איהרע מאיעסטעט“ האב איך צוא אים גיזאגט „פון אייערין נדר ווייסען נור צווייא יודען איך אונ דער רבינער אונ ווייטער קיינער“ . „אונ וויא אזו זייט איר עס גיוואר גיווארין ?“ האט מיר דער קייזער גיפרעגט מיט איינעם שטריינגין טאן · „דורך איין חלום נור וואס מיר ביידע האבין גיהאט אין איינער נאכט“ האב איך אים גיענטפערט · דער קייזער האט עס גיהערט אונ איז גיווארין בלייך · אונ האט צו מיר גיזאגט „נון זאג זע מיר וואס עס האט זיך דיר גיטרוימט“ אונ איז גיבליבין שטיין העכסט פערוואונדערט · אונ איך וואס איך בין ניט גיוואוינט גיווארין צוא זאגין אליגין האב איך מיך פערשעמט דאס איך בין רויט גיווארין איבער דיא אויערין · איך האב מיך אבער באלד דער מאנט אן דעם פלאן וואס דער

סעקרעטער

סעקרעטער זייניער האט מיר דאן פאר גילייענט · אונ אן זייניע ווערטער · דאס נאר דורך דיזען ליגען קען איך מיין נאציאן רעטין דא האט שוין דער ליגין פאר לארין ביי מיר זיינע פאדלאסין · דען איך האב אים שוין בעטראכט אלס איין גליקליכין מיטעל אוים צוא פירין איינע גרויסע הייליגע זאך · אונ וועל מיך אלזו ניט פאר זינדיגין פאר נאט אויך מיט דיזעם שקר · וואס וועט קיינעם ניט שאדען · אונ וואש דורך דעם קען גירעטעט ווערין איינע גאנץ אונשולדיגע נאציאן פון אזו איין גרוש · אונ האב אלזו בעקומען מושה צוא דער ציילין מיין ליגנהאפטין חלום זייער סקלאדנע וויא איינע גיוויסע ווארהייט · אונ האב אלזו אן גיהייבין :

HIS FABRICATED DREAM

זה ימים ארבעה) „מיט אטאג פיר צו ריק · דאס הייסט אין דיא ערסטע נאכט פון אונזער פסח · וואס דאס איז אזו איין (יום טוב) וואס גאט האט אין אים גינוג נסים גיטאן מיט אונזער פאלק זייענדיג נאך סקלאווען דארט אין (מצרים) · אונ בפרט נאך אין דיזער נאכט וואס ער האט אין איר גיוויזין וואונדער איבער וואונדער · אין דיזער נאכט האב איך מיר ביי דעם סדר . וואס ווערט דאן דער ציילט וויא העל אונ דייטליך עם האט גיוואכט איבער אונז אידין דער (בורא ברוך הוא) מיט זיינע שארען איינגעלען (מלאכים) אלס ער האט אונז בעפרייט אוים עגיפטען האב איך מיר צוא ליב דעם אויך אזוי ווייט פאר גישטעלט יענע גליקליכע צייטין פון וועלכע אונזערע הייליגע נביאים זייער פיל שפרעכין · דאס עס האט זיך מיר אפ גיבילדעט דאס אלע פעלקער האבין זיך פעראייניגט צוא לויבין אונ צוא פרייען מיט איין זיסעם געזאנג דעם הער פון דער וועלט אונ צוא ווישין זייא וואר אויך ישראל . אן קייטען שוין . גאנץ פרייא , מען האט איהם שוין מעהר ניט בעהאנדעלט וויא אקנעכט · ניט מעהר גיטראטין אונטער דיא פים · ניט מעהר גיפייניגט · אונ ניט מעהר גירודפט

וויא



וויא פריהער · ניין פערקערט נאך זייא האבין אים וויא הייסע ברידער אונ צערטליכע שוועסטער אפ גנעוויסט דיא טרערין פון זייערע בלייכין געזיכט · אונ האבין גינאסין באלזאם אין זייניע פער-וואונדעטע גלידער · אונ (ישראל) האט אוים גיזעהען ווידער פריילוך וויא אמאל בעפאר נאך נאט האט אים מיט צארין פון זיך פאר שטויסין · אונ זייענדיג אזו פאר טיפט אין אזעלכע פאנטאזיען (דמיונות) האבין זיך אוים מתיקות מיינע ברעמען צוא געשלאסין אונ אלס איך בין מיך איינגישלאפען האט זיך מיר געטרוימט דאס עס שטייט פאר מיר איין הויכער אונ איין שטארקער מאן וואס איך האב אים אין מיינעם לעבין נים גיזעהען אונ דאך וואר ער מיר בעקאנט . ער האט אוים גיזעהען גאנץ אלט · זיין ווייסעס גראעס בארד האט אים אראפ גיהאנגען ביז דעם גארטיל · אונ זיינע אויגין ווארין בעשאטענט מיט גידיכטע גראהע ברעמען · פון ארום זיינע אקסלען איז אראפ גיהאנגען אלאנגער מאנטיל · אונ אין דער רעכטע האנט האט ער גיהאלטין איין וואנדער שטאק „א ! איך קען דיך" האב איך צו אים גיזאגט · „דוא ביזט (אליהו הנביא) · (אליהו התשבי") · „א ! יא · איך בין" עס האט ער מיר גיענטפערט · „איך בין גיקומען אום דיך זעהענדיג צו מאכין" אונ האט אלזו אן גירירט מיט זיין שטעקין מיינע אויגין · אונ בין ווירקליך מיט איין מאל גיווארין זעהענדיג · איך האב דער זעהן איין גאנץ שיינעם לאנד וואס איז אין מערב זייט פון אראפא · עס איז אזו אלאנד וואס דער הימעל איז דארט אימער ריין · עכט בלא · דיא בוימער תמיד גרין · דיא פאמאראנצין שיינען וויא גאלד · דיא לופט שמעקט דארט אימער פון דיא שיינע בלומען —

„א ! דאס איז שפאניען מיין גיבורטס לאנד" האט זיך דער קייזער אפ גירופין וואס איז גישטאנען מיט איין אפענעם מויל אונ אויערין אום אוים צו הערין מיין טרוים · אונ האט אלזו ווייטער

דער

דער ציילט · איך האב גיזעהן אשטאט וואס ליגט אויף עטליכע קליינע בערגליך ; וואס זיינען געבויט מיט זייער שיינע געביידין · מיט קירכען ; מיט הויכע טורעמס · אטייל פון זייא ווארין בעדעקט מיט שיינע גערטנער · אונ שיינע פלאנצין · אונ אין דיא גאסין זייען גיגאנגען מענשין וואס זייער פנים וואר אפ גיברענט וויא גאלד פון דעם דרום זון · „א ! דא איז מאדהיר דיא הויפט שטאט פון שפאניען" האט דער קייזער גיזאגט ; אונ איך האב ווייטער דער ציילט · אונ אין דער שטאט האב איך גיזעהן איין אלט שיינעם שלאס מיט טורעמס אונ שפיצען, ; מיט הויכע האלב קיילעכדיגע פענסטער · „א ! דאס איז דער קעניגליכער פאלאץ" האט דער קייזער גיזאגט · אונ איך האב ווייטער דער ציילט · איין פענסטער וואר אפין אין אים · אונ איין שטראל פון דער זון איז אריין גיפאלין דורך אים אין דעם שיינעם זאל וואס אויף זיינע ווענט זייגען גיהאנגען דיא פארטרעטין פון פירשטין אונ קעניגע · „דאס איז דער בילדער זאל" האט דער קייזער גיזאגט · אונ איך האב ווייטער דער ציילט · אין מיטין פון דיזעם זאל איז גישטאנען איין זיסעם ליבליכעם קינד וואס אויף זיינעם שטערין וואר אויף גישריבין „ער איז נאך ריין אונ גאנץ אונשולדיג" דיזעס קינד האט מיט זיין הענטיל אפ גימאכט דיא גאלדענע לאקין (גרייזלאך) פון זיין פרומען פנימיל · אונ האט גילייענט אין דער ביבעל (תנ"ך) · הינטער דעם קינד אין גישטאנען איין גאנץ אלטער מאן · „א ! דאס בין איך גיוועזן אונ מיין לערהרער" האט זיך אפ גירופין דער קייזער · אונ איך האב אים ווייטער דער ציילט · פלעצליך אבער איז דיזעס בילד פאר שוואונדין גיווארין · אונ איין אנדערעם בילד האט זיך מיר פאר גישטעלט · עס האט זיך מיר גידוכט דאס איך האב ארויס גיקוקט דורך דעם פענסטער פון מיין הויז וואס איז אקאראט נעגען איבער דעם שלאס פון פראג אונ האב דער זעהען אין דעם פענסטער פון דיזעם פאלאץ איין מענטשין וואס וואר פאראויס (עהנליך) צו

יענעם



יענעם שיינעם קינד · נור זיינע האר ווארן שוין גראה · אונ אויף זיינעם הויפט (קאפ) האט ער גיטראגין דיא דייטשע קייזער קרוין · הינטער אים איז ווידער גישטאנען יענער אלטער וואס איך האב אים גיזעהען אין דעם פאריגין בילד (ערשיינונג) — נון האט זיך מיר גידוכט דאס איך הער עפעס איין שטים פון לידער וואס ווערט פון מינוט צו מינוט שוואכער אונ שוואכער · עס הערט זיך דאס פון דער אלט שטאט אהער · אונ קלינגען אזו צוא דעם קייזער אין פאלאץ אריין · אונ דער מענטש מיט דער קרוין האט עס גיהערט מיט איין ווידערווילין ; אונ האט זיך דער נאך אום גיווענדעט צוא דעם אלטין וואס איז גישטאנען לעבין אים ; אונ האט צו אים גיזאגט דיזע ווערטער „דאס קען ניט זיין" אונ אין דער זעלבינער מינוט האט דער גיקריינטער מענטש אבליק גיטאן אויף דעם יודין קווארטיל וואס שטייט נעגין דעם פאלאץ · אונ האט אויף גיהייבין גאר אן דעם אלטינס וויסין דיא רעכטע האנד אונ האט גיזאגט „נוא וועל איך (על כל פנים) דיזע פערטרייבין בעפאר דרייא חדשים וועלין איבער לייפין · זאל זיך קיין יודע דא מער געפינען · איך שווער עס דיר" — אונ עס וואר אלס איך האב דיזע ווערטער דער הערט איז מיר גיווארין מיין הערץ פול מיט אנגסט אונ שרעקין · אונ האב אן גיהייבין מתפלל צו זיין צו גאט :

„גרויסער גאט" האב איך גיזאגט „ווארום זאל ברענגען אזוי דיין צארין אן דיין פאלק וואס דוא האסט ארויס גיפירט פון מצרים מיט דיינער שטארקין האנד ?" דא האט מיר אבער דער (אליהו הנביא) גיזאגט „טוא אקוק ארויף" אונ עס וואר אלס איך האב אקוק גיטאן ארויף האב איך דער זעהן אגרויסע שיינע שטאט · אונ אין אגרויסין פאלאץ איז גיזעסין אגרויסער מאן אויף אטראן אונ פאר אים האבין גיקניט דרייא מענטשין וואס ווארין גיקליידעט גאנץ רויט · אונ אלס נייא האבין גיזאגט צוא אים „ווילסט דוא

אונזער

אונזער פאטער זיין ?״ האט ער גיענטפערט .א! יוא · איך וויל עס
זיין״ אונ אלס איך האב דעם (אליהו הנביא) גיפרעגט .א! גרויסער
נביא ווער זיינען עס דיזע לייט ?״ האט ער מיר גיענטפערט · .דאס
איז דער נייער פאפסט · ער וועט איך רעטירין · דען ער וועט דעם
קייזער (מתיר נדר) זיין״ — ביי דיזע טרייסטענדע ווערטער האב איך
מיך אויף גיכאפט״ :

ומה) .אונ וואס האסטו דאן גיטאן ?״ האט מיך דער קייזער
גיפרעגט .איך בין באלד ארויס פון מיין בעט״ האב איך אים גיענטפערט ·
.אונ בין גילאפין וואס צום גיכסטין צו דעם רב · איך האב אים דער
וויסט שוין אויף .אונ זייער אונרוהיג · נאך מער צו קאכט אונ צוא
רודערט אלס איך · דען עס האט אים אין דער זעלביגע שטונדע גיטרוימט
דער זעלביגער טרוים וואס עס האט מיר געטרוימט · אונ אלס איך האב
אים דער ציילט מיין שרעקליכען טרוים האט ער עס באלד אן גענומען
פאר געטליבעס · אונ פאר איין וואונק פון הימעל · דאס מיר זאלין טאן
דער ביי · וואס נור מיר איינזעהען פאר גלייך אונ פאר רעכט · נון איז
גיבליבין נאך איין לאנגען (ישוב הדעת) דאס איך זאל לויפין קיין ווין ·
אונ פאלין צו אייערע פיס אונ בעטין אייך פר מיינע אונשולדיגי ברידער:

דער קייזער איז באלד גיווארין העכסט אונרוהיג ·
אונ האט אן גיהייבין ארום צוא גיין איבערין שטוב הין אונ
הער · אונ האט אלע ווייל גיווארפין איין פארשענדין בליק אויף
מיך · ביז ער האט זיך אנידער גיזעצט אין אטיפין שטול אונ האט
זיך זייער פיל פערטיפט אין גידאנקען · אונ האט אן גיהייבין צו
ריידין מיט זיך אליין .ניין ניין ! חלומות זיינען איין וואונק פון
דעם אויבערשטין — אפשר דארף עס פארט ניט זיין — דאך
וועמען זאל איך שיקין ? ניין אזוא גייט עס ניט — אזו —
אזו — — נאך אקורצע ווייל איז ער אויף גישטאנען פון שטול
אונ איז ארום גילאפין איבער דאס שטוב עטליכע מאל וויא זיין
שטייגער וואר · אונ דער נאך איז ער גיבליבין שטיין אונ האט

גיזאגט



גיזאגט .וויא איך זע איין מוזסטו זיין עפעס איין גרויסער מאן ·
נון ביזט דוא שוין ניט מער איין קאמער קנעכט פון דער דייטשער
מדינה · דוא ביזט צוואר נור איידע · גאט האט אבער דאך נור דיך
אויס גיווילט מגלה צוא זיין דעם נדר וואס איך האב גיטאן
(בסודי סודות) · — יא איך בין מודה דאס דיין חלום האט קיין
ליגען גיזאגט · דען איך האב טאקע גיטאן א נדר ארויס צוא
טרייבין דיא יודען פון בעהמען · עס קען מיר אבער קיינער ניט
מתיר זיין לבד דער היילינגער פאטער פון רום — דאהער פאר
דוא זעלבסט קיין רום · אונ בעט דיר אויס ביי דעם פאפסט
דאס ער זאל מיר (מתיר נדר) זיין וועסט דוא צוריק קומען ביז
אונזער שבועות .(פפינגסטען) קיין ווין אונ וועסט מיר ברייגען
פון דעם פאפסט דאס ער האט (מתיר נדר) גיוועזן דא וועלען דיינע
גלויבענס ברידער בלייבין דא וואוינען וויא פריהער אין אלע
מיינע לענדער אונטער מיינעם שוץ״ .איך דאנק אייך גרויסער
הער !״ האב איך אים גיענטפערט .פאר דיא האפענונג וואס אייערע
ווערטער האבין מיר גיגעבין · אימער אימער וועל איך פאר גאט
קניען אונ בעטין אים דאס ער זאל זיין ברכה שיטין אויף מיין
קייזערס קאפ אונ אויף זיין הויז״ אונ נאך דעם אלס איך האב מיך
שוין אביסיל אויס גירוט האב איך צוא אים גיזאגט .אייער (מדת
החסד) האט מיך אזו ווייט גישטארקט דאס איך וויל בעטין ביי
אייך נאך איינע געפעליגקייט · וואס מיר דאכט דאס איך וועל
עס ביי אייך פועלין״ .וואס נאך א בקשה ?״ האט זיך דער קייזער
אפ גירופין .״עס איז פון דיר גאר ניט פטור צו ווערין · נון לאמיר
הערין״ .ליבער גרויסער הער״ האב איך צוא אים גיזאגט .וויא
קען .איך״ איין קאמער קנעכט פון דעם דייטשען רייך · דאס הייסט
אלס איין גימיינער יודע פאר טרעטין פאר דעם פאפסט וואס
ער וואר ביי זייא ממש איין כהן גדול · וויא קען איך אים
אן מוטען דאס ער זאל דעם דייטשין קייזער (מתיר נדר) זיין ·

צוא

צו וועט ער דען מיר גלויבן · ער וועט דאך פאר גיווים מיך פאר איין משוגע האלטן · דאהער ווען איר מיינט באמת חסד צו טאן מיט מיין ארעמעם פאלק · איז דאס העבט דאס איר זאלט געבן אבריף צו אום · דאן איז עס מיר מעגליך אוים צו פירן מיין היילינגע פערלאנגן · איך האב עס גישפראכען וויא דער (בורא ברוך הוא) ווייסט עס מיט גרוים שרעק · דען איך האב פחד גיהאט צוא בין איך ניט (פוגע) אן זיין (כבוד) · דאך נאט וואר מיט מיר אונ דער קייזער האט מיר גיענטפערט זייער פריינדליך .דוא האסט העבט איך וועל דיר דיין בקשה ממלא זיין איך וועל דיר געבן עטליכע זעלטשער וואס זאלען דיר פערשאפען טרייהייט אונ גלויבן ביא דעם פאפסט · איך מוז עס אבער ביז אונזער שבועות האבן · פאר זויסטט דוא אבער מיט דעם התיר איבער דיזע צייט איז עס פאר פאלין · ווען ווילסט דוא אוועק פארין ?" .באלד וויא איך וועל נור האבן דעם בריף פון אייער קייזערליכען מאיעסטעט" האב איך אים גיענטפערט. גוט — זייער גוט" — האט ער גיזאגט. זייער צוועלף זאלסט דוא ווידער קומען אין שלאס אריין" — דער ווייל האט דער קייזער אקלונג גיגעבין מיט איין זילבערנעם גלאק וואס איז גישטאנען אויף דעם טיש אונ דער קאמער הער איז אריין גיקומען אונ דער קייזער האט אים גיזאגט .גראף. אלס דער יודע וועט קומען זאל מען אים אריין לאזין צו מיר אין מיין קאבינעט" דער קאמער הער האט זיך גיבוקט · אונ דער קייזער איז ארוים זייער גישווינט דורך דיא זעלבינגע טיר דורך וועלכע ער איז אריין · אונ דער קאמער הער האט מיך בעלייט ביז צוא דיא טרעפ אום צו זאגין דעם דעזורנעם אפיצער דאס ער זאל מיך אריין לאזין (תיכף ומיד) וויא איך וועל נור קומען — נו מהסתם בין איך אין דער בעשטימטע צייט גיקומען אין דעם קייזערס שלאס · דער דעזורנער האט מיך אריין גילאזין . אונ דער קאמער הער האט מיך אריין גיפירט צו דעם קייזער אין זיין קאבינעט . איך האב דעם

קייזער



קייזער דאן דער ווייסט זיצענדיק ביא דעם שרייב טיש געקערט מיט דעם רוקען צו מיר . לעבין איין צווייטען טיש איז גיזעסן איין אנדערער אונ האט גישריבען . דיזער וואר שוין גיווענדעט מיט דעם גיזיכט צו דער טיר . איך האב אים באלד דער קענט דאס דאס איז דעם קייזערס סעקרעטער . מיר האבין אונז אבער איינער דעם אנדערין אוים געמידען מיט אונזערע בליקען דאמיט מען זאל ניט מערקין דאס מיר האבין עפעס קאנסאקטען איינער מיט דעם אנדערין . „גנעדיגסטער הער" האט דער קאמער הער גיזאגט צו דעם קייזער דאמיט ער זאל זיך אום זעהען ווער עס איז דא · .אי· דוא ביסט דא — גוט" האט ער גיזאגט אלס איך האב מיך געבוקט פאר אים . „האסט דוא דעם בריף אפגישריבען וועלכען איך האב דיך גיהייסין" . האט דער קייזער גיפרעגט דעם סעקרעטער · .יא· גרויסער הער" האט אים דער סעקרעטער גיענטפערט . „עס פעלט נור אייער אונטערשריפט" אונ אלס דער קייזער האט דעם בריף גינומען פון זיינער האנד עס אונטער צו שרייבין האט דער קייזער גיפרעגט ביא דעם סעקרעטער . „זייא זייען דאך ניט לאנג גיקומען פון אונגארן נו וואס איז דארט פאר נייעם ?" דער סעקרעטער וואס וואר (באמת) ניט אין אונגארן נור אין פראג וויא מיר ווייסען האט זיך זייער איזמוסצעט אונ האט אים גיענטפערט . „איך וואר נור ביא מיינער פרוי ניט אויף דעם לאנד · נו ווייס איך גאר פון קיין נייעם נור איצונד איז אן גיקומען דעפעסען פון פעסט וויא עס שיינט זאלען זייא עפעס וויכטיגע זיין . „מיר וועלין עס באלד זעהען" האט אים דער קייזער גיענטפערט · אונ אלס דער קייזער האט דעם בריף צו גיזיגעלט האט ער מיר דאס איינגעהענדיג איבער גיגעבין . איך האב עס איינגעוויקעלט אין אוויים זיידענע טוך וואס איך האב עס טאקע צו ליב דעם מיט גינומען . אונ האב נאך גיוואלט נאך עפעס ריידען . דער קייזער אבער איז אויפגישטאנען אונ האט מיר געזאגט זייער ערנסט . „גידיינק ביז

אונזער

אונזער שבועות נדר· אונ איז זיך אוועק . אונ דאן האבין מיר דאס הייסט איך אונ דער סעקרעטער גיהאט צייט צוא גערייסען זיך מיט שטומע בליקען . אונ בין אזו אוועק :

אחר שעות שתים) אין אפאר שטונדין ארום וואר איך שוין אויף דער רייזע קיין איטאליען וואס דארט איז דיא שטאט רום · אונטער וועגינס האב איך שוין גינוג צייט גיהאט צו בעדיינקען מיין לאגע · אונ עס איז מיר דיזע גאנצע זאכע פאר גיקומען וויא איין טרוים (חלום) .וואס טייטש האב איך בייא מיר גיטראכט · איך ! איין אידלאק וואס איך בין דאס נידעריגסטע בישעפינעס דא אין דייטשלאנד · איך ! וואס איך בין איינער פון יענע קלאסע מענשין וואס מען וועט זיך באלד פון זייא אפשאקלען אזוי וויא פון פרייסין אונ וואנצען · איך זאל נאך טוטה האבין צו ריידין מיט דעם קייזער · אונ זיך אונטער נעמען צו פארין צו דעם פאפסט קיין רום אום צו בעטין אים דאס ער זאל דעם קייזער (מתיר נדר) זיין ? א ! דאס איז פיל מעהר אלס נאטירליך · עס איז נור געטליך · אונ מיין פערוואונדערונג האט זיך דאהער באלד פערוועקסעלט (אומגעביטין) אין איינער גרויסין דאנקבארקייט געגין גאט וואס האט מיר אזוי א דערזיקע (קיהנע) דעה גיגעבין דאס איך זאל מיר אזעלכעס נאר אונטער נעהמען · אונ ווידער וואס ער האט אויף גיעפענט דעם קייזערס הערץ פאר מיר · איך וויל אייך מיינע פריינדע ניט דער ציילין פון אלע מיינע צרות וואס איך בין אויף דער רייזע אוים גישטאנין · נור דאס קען איך אייך זאגין אין קורצין · דאס איך בין גיקומען קיין רום פיל שפעטער אלס איך האב גימיינט · וויא איר ווייסט שוין וואר דיא לעצטע ווערטער פון קייזער צו מיר .נון פאר (שבועות) צו ריק" ער האט דער מיט גימיינט דאס עס זאל אים אן קומען דער התיר. פון נדר פריהער אלס עס וועט זיך ענדען דער זמן פון דרייא חדשים וואס דאן וועט שוין חל זיין אויף אים דער חוב פון נדר · נון צום אונגליק האב איך איין גיזעהען דיינעריק שוין ·

SETS OUT FOR ROME



POPE PIOUS IV

שוין דארט · דאס דיזער בעדינג (תנאי) איז דאס שווערסטע פון דיזעם וויכטיגין אינטערעס · דען עס איז ערסט נור עטליכע חדשים דאס פיוס דער פערטער איז גיווארין פאפסט אין רום · אונ וואר נאך זייער טרוד אונ בעשעפטיגט אין פיל וויכטיגערע ענינים אלס צו געבין איינע אודיענץ (געהער) איינעם דייטשעשין יודען · עס האט מיך אבער דיזע שווערקייט אויך ניט אפגישראקען אונ האב אן גיווענדעט אלע מעגליכקייט דאס איך זאל קענין פארט צו קומען צו אים · עס האבין זיך פארווענדעט פאר מיך דיא גרעסטע לייט פון אונזערע ברידער וואס וואוינען אין רום · איך האב בעקומען רעקומענדאציעס צוא דיא גרעסטע ציגאווניקעס פון דעם וואטיקאן (פעפסליכער פאלאץ) דאס · זייא זאלען מיך פערשטעלין פאר דעם פאפסט עס וואר אבער אלץ אין נוצען · אונ דאס וואר נור ווייל איך האב זייא ניט גיקענט מגלה זיין וואס מיין גישעפט איז צו דעם פאפסט · אונ אלס איך האב גיזעהען דאס עס פערלויפט איין טאג נאך דעם אנדערין גאר אן דיא מינדעסטע האפנונג צו צו טרעטין צוא אים איז בייא מיר גיבליבין דאס איך זאל שוין אפ ווארטין דעם טאג וואס דער פאפסט וועט זיך ציינגען דעם נאראד בייא איינער גרויסע פראצעסע (רעליגיעזע פאראדע) אונ דאן וועל איך אים אין נאס איבער געבין דעם קייזערס בריף · וואס זאל איך אייך דר ציילען מיינע ברידער עס וואר מיר יעדע מינוט אין רום איינע אייביגקייט · עס האט דיא ערד גיברענט אונטער מיינע פים · דען איך האב גיציטערט פילייכט בעהיטע גאט פערזאמע איך דיא צייט :

ויהי) אונ עס וואר אין דעם פערטין טאג פון מיינעם זיין אין רום אונ איך גייא מיר · אזוי פערקימערט דורך דיא גאסען פון איך עפעס אונגעריכטער הייד צוא געקומען צו איינעם גרויסען געמיין מענשין וואס זיינען גישטאנען לעבין איינע נייע קירכע אונ האבין

ANOTHER CHANCE MEETING!

ניווארם

גיוואורט אויף דעם פאפסט וואס דארף באלד קומען עס צוא בעוועהן
אונ האב אלזוי ביא זיך בעשלאסען צוא בענוצען דיזע געלעגענהייט
אים אוועק צוא געבין אים דא דעם קיזערם בריף · אין דעם האב
איך הערט וויא עס שפילט איינע זייער שיינע מוזיק אונ איינע
זייער פאראדנע פראצעסע האט זיך געצויגין איבער דעם לאטעראנם
פלאץ צוא דער קירכע צו · עס זיינען גיגאנגען זייער פיל פריסטער
(פאפעם) מיט גרויסע ליכט אין די הענד פאר אוים אונ דער
נאך האבען צוועלף יונגע דוכאוונע (גייסטליכע) געטראגען אגרויסע
שטול וואס וואר ארום אונ ארום מיט פאכערם פון פאווע פעדערין
וואס האבין זיך אלץ געשאקעלט · אונ אויף דיזען שטול איז גיזעסין
דער פאפסט אליין · דיזער אנבליק וואר זייער שיין אונ שרעקליך · איך
האב דער זעהען דעם פאפסט האב איך אן גיהייבין צוא ציטערין
אונ עס האט מיר אן געהייבין צוא קלאפען אין הערצען ·
דען איך האב ביא מיר גידיינקט · נון איז שוין דא דיא מינוט
וואס אין איר דארף שוין גירעשעט ווערין דער גזר פון מיין פאלק ·
אין דעם איז דאס גאנצע גיזעל · וואס וואר דארט גיפאלין אויף דיא
קניע · נור איך איינער בין גיבליבין שטיין וויא איין גימויערט אין
מאסע מענטשין וואס זיינען גילעגין ארום מיר · אונ האב דעש נאר
(בשעת מעשה) ניט גימערקט דאס אלע קוקין אויף מיך
אונ בעוואונדערין מיך וואס איך בין גיבליבין שטיין · באלד אבער
האט מען אן גיהייבין צוא שרייען צו מיר פון אלע זייטין ·גישווינד
אראפ אויף די קניע !" אונ אלס איך האב ניט גיפאלגט האט מען אן
גיהייבין צו שרייען ,ערמארדעט דיזען אפיקורוס ! ער איז איין
לוטהעראנער (דאס הייסט קיין קאטוליק) פיליכט נאך איודע ! דען
ער וויל זיין קניע ניט בייגין" נון האבין זיך שוין איינגע זאווינעט
ארום מיך · צום גליק אבער איז אין דער זעלביגע מינוט אן גיטראגין
גיווארין דער פאפסט לעבין מיר · ער האט דאן גיבענטשט דאס
פאלק · אונ האט גיהאלטין זיין גיזיכט גיווענדעט גראדע געגין דעם

זייט



זייט וואו איך בין גישטאנען · פיליכט אוים דעם גרויסען לארעם וואס
איז גיווארין צו ליב מיר אונטער דעם גרויסען נאראד :
בזו הרגע) אין דער זעלביגע מינוט : האב איך בעקומען
גרוים מוטה · אונ גרוים קראפט וויא איין ריזע · האב מיך
דורך גישלאגין דורך דיא גרויסע געדרייננגנים ביז צו דעם שטול
פון דעם פאפסט · נון פערשטייט זיך דאס דיא גוארדע · וואס
זיינען גיגאנגין ארום שטול האבין מיך גיוואלט צו ריק שטויסין · דא
האב איך אן גיהייבין צו שרייען אויף לאטיינים צו אים גרויסער
פירשט פון קאטאליקען ! פערצייהע מיר וואס איך דער וואגע
מיך צוא דער לאנגען דיר אזו פובליצנע אבריף פון דעם דייטשין
קיזער ·— אונ עס וואר אלס דער קאמערהער פון דעם פאפסט
קרעסעלע (וואס איז דער ביא גירישין) האט ערקענט אויף דעם
בריף דעם קיזערם זיגעל (חתימה) האט ער עס באלד צו גינומען
פון מיר אונ האט אים דער לאנגט דעם פאפסט · אונ האט
אים איין גיגאמט דער צו עטליכע ווערטער אין אויער · אונ עס
האט אוים גיזעהן וויא דער פאפסט האט אים וואס גיענטפערט
דארויף · אונ דער קאמערהער האט מיר ווידער גיענטפערט זייער
שטיל נאך דעם גיבעט אין וואטיקאן · דיזעס אלעס איז גישעהען
אין איינער קורצע ווייליע · אונ דיא פראצעסע איז זיך דער ווייליע אלץ
ווייטער גיגאנגען אונ איך האב מיך גיאיילט ארוים צו חאפין זיך
פון דר איינגשאפט · דאמיט איך זאל שוין לויז ווערין פון גרויסין שרעק :

נאך דעם גיבעט פון וואטיקאן · האט מען מיר גיזאגט · נון
ווירד איצונד געצויגען דער גורל פון מיינע גלויבענסברידער · איך
קען אייך ניט אוים דער ציילען וויא עס וואר מיר דאן צו מוטה ·
צוויא שטונדען האט דארט גידויערט דאס גיבעט · אונ דיא
צוויא שטונדין ווארין מיר צוויא פינסטערע יאר וואס האבין זיך
גימישט אין מיינעם הערצין · שרעק · ספק · האפענונג · קומער אונ

ראו פריידין

THAT'S WHY HE HAD TO KNOW LATIN!

HIS AUDIENCE WITH POPE PIOUS



פרידין · דאס עס האט זיך מיר גידוכט דאס. איך וועל עס ניט איבער
לעבין · אונ וועל גיוויס הערהרגט ווערין אונטער דעם לאסט פון צרות ·
לסוף בין איך גיגאנגען אין וואטיקאן (חצר הפאפסט) · אונ האב מיך ניט
גיקענט גינוג אפ וואונדערין אלם איך האב דר זעהן דאס איין קאמערהער
פון דעם פאפסט ווארט דארט אויף דעם הויף פון דיזעם פאלאץ · אונ האט
מיך דורך גיפירט דורך עטליכע פאר צימערין אין איינעם צימער · אונ פון
דארט אין דעם אוידיענץ זאל פון דעם פאפסט · דיזער זאל וואר גיטיילט
אין צווייען מיט איינער אידעלין גראטע (רעשיטעקע) אין איינער
אפטהיילונג איז גיזעסען דער פאפסט אין איין זייער טייערין שטול ·
אונ עס וואר אלם דער פאפסט האט מיך דער זעהען האט ער אוואונק
גיטאן צו דעם קאמערהער · איז ער באלד ארויס פון צימער דאס איך
בין גיבליבין נור אליין מיט אים · אונ דאן האט ער מיך זייער שוין
אויף גינומען · אונ איך האב דאן גיזעהען ווי דעם קייזערס בריף ליגט אפען
פאר אים · אונ וויא עס האט אוים גיוויזין וואר ער זייער צו פרידין מיט
דיזעם בריף · ווייל צו ווישין דעם פאפסט וואס וואר פאר אים (פולוס
דער זעקסטער) אונ צו ווישין דעם קייזער וואר אימער איין אונ־שלום אונ
האט אלזו פון מיר פערלאנגט דאס איך זאל אים דערציילין וויא אזו
קום איך צו ווישין וואס דער קייזער האט אנגדר גיטאן אין טרוים · ער
האט דאס גישפראכין מיט מיר אין דר לאטיינישע שפראכע ווייל ער האט
גיזעהן דאס איך האב מיט אים אין נאם אויך גישפראכן אויף לאטייניש ·
א. דוא אלער הייליגסטער פון קאטאלישען גלויבען ו״ האב איך אן
גיהייבין צו ריידין. איך טרעט דא פאר דיר אום אוים צו בעטן גענאדע
פאר טויזענדע עלענדע מענטשין וואס זיינען נאר אן שולד · אונ קענען
גירעטירט ווערין נור דורך דיין איינציגעם ווארט אליין אדער פערקערט
גאנץ אונגליקליך ווערין הייליגער פאטער ! נאט האט דיר ערהייבט
אונ גיזעצט אויף דעם גרעסטען טראהן פון דער וועלט · דיא אויגין פון
אלע קאטאליקען זיינען גיווענדעט נור אויף דיר · דער צו נאך ביסטו
פון אלעמען גיליבט · אלע הערצין פון אלע מענטשין זיינען גיקערט צו
דיר



דיר אלע ניט מהער ערקוויקין זיך מיט דיינע רייד נון זאגט מיר די הארץ
זייער הויך אונ דייטליך · דאס דוא גרויסער פירשט פון קאטאלישען
גלויבין ווערסט בוודאי ווערין איינווייהען (מתנך זיין · אדער הייליגין)
ריין הויכין צין וואס דו האסט אים דא ניט לאנג אן גינומען מיט אזעלכע
פון בארעמהערציקייט אונ (חסד) מיט אזו אזעלכע וואס גיפעלט
פערגעווים נאט — אונ דאמיט דוא זאלסט וויסין וויא ווייט מיינע רייד
זיינען וואהר · אונ מיט וואס פאר אצוטרויען איך האב צו גיטראכטין צו
די טרעפ פון דיינעם טראהן וועל איך דיר מגלה זיין אנגוויסין סוד וואס
איך הער וועג מיך צו דער ציילין נור אזו איין שטערבליכער (דאס הייסט
אזו יעדער מענטש ווייל ער איז שטערבליך) וויא דו ביזט וואס נאט האט
דיך אוים דער ווייהלט פון מיליאנען צו זיין איין טרייער הירט פון אלע
קאטוילישע פעלקער · אונ ניט דיר קראפט אום צו פירין דורך
דיר דיינע שליחות · :

TELLS HIM THE TRUTH

וישתאה) דער פאפסט וואר גאנץ פערוואונדערט איבער דיזע
(הקדמה) דם ער איז אויפגישטאנען פון שטול אונ האט זיך אן גילעהענט
אן דער גאלעריע דאמיט ער זאל בעסער הערין מיינע רייד · איך האב
אים דער ציילט דעם גאנצין אמת · איך האב אים דר ציילט דאס איך
האב מיך דער וויסט נור דורך דעם קאסירער איך האב אים פאר גישטעלט
וויא גרוים עס איז דאס אונגליק פון אגרוש · אונ בפרט נאך ווען דיא
פערטריבענע וועלין נאך זיין יודען וואס ווייסין נאר ניט וואו זיך צו
ווענדין · איך האב דער בייא גינוג גיוויינט · אונ האב דאך מיר ניט
גישטערט דורך דעם אין ריידין דען נאט וואר מיט מיינעם מוגד · איך
האב דאן ניט גיהאט קיין שרעקין · קיין אנגסט · עס האט דיא שפראכע
גיקוואלין פון מיינע ליפען וויא איין וואסער אייל פון דעם גרונט מיינעם
הערצענס : איך בין ניט אים שטאנדע עטוואס דער פון דא איבער
צו גיבין · דען איך וואר דאן גאר איין אנדערער מענטש · נין מער וויא
אמענטש · איין (מלאך מליץ) פאר מיין פאלק · אונ איצונד בין איך עס
שוין ניט מער · מיינע רייד וואדין דאן אזו מהעקענד · אונ אזו דירענן
דאס

דאס דער פאפסט האט דער ביא צוויא גרויסע טרערין פערלארין דיא בעסטע אונ ריכטיגסטע צייגן (עדות) פון איינעם מענשליכן הערצין: איך האב עס נור בעמרקט אונ מיין הערץ איז גיווארין פול האפענונג פול מיט פריידין:

ואספר לו) איך האב אים דער ציילט אויף ריכטיג אונ האב זיך פר אים מתודה גיוועין דאס איך האב איין ליגן גיזאגט פאר דעם קייזער ווייל עס וואר קיין אנדערע מיטיל אונז צו רעטין: אונ גראדע דיזע דייגע ווארהייט: דיזע אויף ריכטיקייט: דיזעס צו טרויערין צו אים: האט אויף דעם פאפסט זייער גיווירק ווי איך האב מיך גירעכט עס האט גידויערט נור אקליין ווילע אונ ער האט זיך אם גירופין איך וועל מיינעם גילייבטין זון דעם דייטשין קייזער (מתיר נדר) זיין: מארגין וועסט דוא דעם בריף מיט מיינעם (התרת נדרים) בעקומען פון מיינעם קאמער הער ביא דיזע ווערטער האט דער פאפסט אקלונג גיטאן מיט אזילבערנעם גלאק: אונ איז ארויס הורך אנייטין טיר: אונ האט מיר אזוי גאר קיין צייט גילאזט אפילו נאך אווארט צו ריידין: אונ אין דער זעלביגע מינוט איז ארײן דער קאמער דינער אונ האט מיך ארום גיפירט צו דיא טרעפ ארום אין דעם אנדערין טאג אלס איך בין אהין גיקומען האב איך שוין מעהר ניט גיהאט דאס גליק צו זעהן דאהרט דעם פאפסט דער קאמערהער האט מיר נור איבער גיגעבין איין פאר זיגעלטין פארמענטענעם בריף:

אנכי) אונ איך בין בעל דער מיט אם גיפארין: איך האב מיך זייער גיאיילט: ווייל דיא גרעסטע העלפט פון דעם קייזערס טערמין איז שוין אם גילאפין אונ דאך וואלט איך פאספייען צו קומען דער מיט פאר זייער (שבועות) צום אונגליק האב איך אהין קראנקהייט בעקומען דען עס וואר אין מיר מיין בלוט צו קאכט: אונ בין דארט גיבליבן ליגין דאס איך האב שוין ניט גיהאלטין פון מיינעם לעבין: נור גאט האט (חס) גיהאט איבער זיינע אידעלאך: אונ איך בין גיווארין גיזונד: דיא בעשטימטע צייט אבער איז דער ווייל איבער גילאפין: איך בין אן גיקומען קיין רוים ניין טעג נאך זייער (שבועות): אונ אין אשטונדע ארום

האב

כג דער גואל

האב איך אם גיגעבין דעם בריף מיט דער (התרה) דעם קייזער. עס איז שוין צו שפעט האט ער מיר גיענטפערט מיט איינע טרויעריגע שטימע דען אין דעם ערסטען טאג נאך אייער (שבועות) האב איך שוין ארויס געשיקט איין אוקאז צו דעם גענעראל גובערנאטער פון פראג דאס אין דעם אכטען טאג פון דעם אן קומען דיזער אוקאז זאל מען ארויס טרייבען דיא יודען פון פראג: איך בעדויער זייער וואס דוא האסט דיא צייט פערזאמט: אונ ווען דוא קענסט דאקאזען דאס איין (שליח מיוחד) זאל קענען אהין אן ציהען בעפאר דיזער אוקאז איז איספעלגעט געווארין וועט עס מיך זייער פרייען: נור [illegible] איז שוין אונמעגליך: דאס בעסטע פערד איז ניט אים שטאנדע אין אזוי אקורצע צייט איין צו לויפען אזוי איין (מרחק): דען עס איז דא קוים צוויא טעג צייט נאך צו דיזעם טערמין: האט מען אבער דעם אוקאז אויס גיפירט (איספעלגעט) דאן איז שוין פאר פאלין: דען דאן איז עס ביא מיר איין קלאהער בעווייז דאס גאט וויל עס אזוי האבין:

איערע מאיעסטעט האב איך מיך צו אים אם גירופין, איך האב שוין אלס אן גיווענדעט צו ליב מיינע ברידער: אונ גאט וואר מיט מיר אזוי ווייט דאס איך האב גיקענט צו טרעטין צו אייך: צו דעם פאפסט דא וועל איך ווייטער זיך פערלאזין אויף גאטס הילף אונ וועל אי"ה נאך צו רעכטער צייט ברייגגען איער צווייטין אוקאז וואס וועט מבטל זיין אייער פאריגען אוקאז: נור אייער מאיעסטעט זאל אזוי גוט זיין צו מאכין מיך פאר אשליח אין דיזער זאך גענוג! מיינע היימע בקשות אונ הייסע טרערין האבין דעם קייזער אזוי ווייט גערירט דאס ער האט מיר גיגעבין איין שריפט צו דעם פראגער וואיענעם גובערנאטער: אונ איך נאך קוקינדיג אויף מיינע שוואכע גיזונדהייט האב איך מיך גיזעצט רייטענדיג אונ בין גיפלויגין וויא אפייל ביא איינער שלעכטע וועג איך בין גיפלויגין איבער טאלין: איבער בערג: איבער דערפער: איבער שלעסער: עס איז פייער גיפלויגין פון אונטער דיא פאטקעוועס: אין דעם ערשטין טאג פון זיינר ריינע האט מיך דיא היץ זייער דער עסן: איך

האב

איין

MISSES THE DEADLINE

האב ניט נישפירט קיין הונגער · דער פאר אבער האב איך גיליטן זייער פון דארשט · דען איך האב פחד גיהאט צו טרינקען וואסער פון מאנכעם קוועלע וואס איך האב ניט אן ניטראפין אונטער וועגינס דאס עס זאל מיר ניט שאדען צו מיינער גיזונדהייט · אונ ווידער דאס איך זאל דער בייא דיא צייט ניט פערלירען · איך וואר אזו מיד דאס איך האב שוין אן גיהייבין אין ספק צו זיין צו ווען איך אן גרייכין צו דער רעכטער צייט · נור דער גידאנקען דאס אן מיך היינגט איצונד אפ דער גליק פון מיינער נאציאן האט אימער אפ ניפרישט מיין מוטה · איך האב מיר ניט פאר גינומען איין מינוט רוהע · יעדער אויגענבליק וואר מיר העכסט טייער · אין דעם צווייטין טאג וואר דיא היץ נאך גרעסער · אונ העטע עס אזו אגאנצין טאג גיהאלטין וואלט איך שוין בוודאי ניט אויס גיפירט · נור נאך האלבין טאג האבין זיך אן גיהייבין צו ציהען שווארצע וואלקינס איבער דעם הימעל · עס האבין אן גיהייבין צו לייכטין בליצין · אונ דונערין · אונ איין דר קוויקענדער רעגין האט ער אונטער גינאסין פון אויבין · אונ דאס האט מיך זייער דער קוויקט · אבער האט אויף גיהערט דער שטויב אזו צו שלאגין אינס גיזיכט · אונ איין רעגין בויגין האט זיך אויס ניצויגין איבער דעם הימעל פאר מיינע אויגין אלס איין פרידענס צייכן · אונ דאס האט מיך גישטארקט אין מיינע האפענונגען · אין דעם איז גיווארין נאכט אונ מיין וועג איז גיגאנגען דורך אפינסטערין וואלד · עס וואר אזו אהשך וואס איך האב עס נאך אין מיינעם לעבין ניט גיזעהן · עס האט קיין שטערין געבלישצעט אין הימעל · אונ קיין ליכט פון קיין מענטשליכער וואוינונג · דען עס וואר דארט קיין קרעצמע קיין דארף · אונ האב דורך דעם דיא וועג פערלארין · נון איז מיר איבער גיפאלין איינע שרעקליכע אנגסט · דען איך האב ניט גיוואוסט וואו זיך צו קערין אונ וואו זיך צו ווענדין · זאל איך ווארטין ביז טאג איז מיר דיא צייט זייער טייער · נון האב איך אן גיהייבין ווייטער צו גאט בעטין הער פון דר וועלט ! האב איך צו אים גיזאגט קען עס זיין דיין הייליגער ווילען דאס איך זאל דעם מערדין פאר זאמען · דוא האסט דאך ביז אהער גיפירט מיט דיינער רעכטין האנט ·

דוא

LOSES HIS WAY IN A FOREST



4

דוא ווארעסט מיט מיינעם מוגר · דוא האסט מיר גיהיילט פון מיינער שווערע קראנקהייט · נון איז עס מעגליך דאס דוא וואלסט מיך איצונד ביי איינער גליקליכע ענדע פערלאסען ?! זאל עס גראדע אין דיזער נאכט וואס איך האף שוין זיין נאהענט פון מיין ציל (צעל) נים איינער פון דיינע מילאכען שטערין · שטיינען אויף מיינעם וועג ?!·· אונ עס וואר ווי דיא מיינע נאסע אויגין ווארין אזו גיווענדעט געגין הימעל · האט אן גיהייבין צו וועהען איין שטארקער ווינט צו ווישין דיא בוימער פון וואלד דאס עס האבין זיך גיבייגט אונ גיניגט · דיא אייכען בוימער · דיא טאנען · דיא מאפאלען · אונ דער הימעל האט זיך אן גיהויבין אויס צו לייטערין · עס איז ארויס דיא לבנה אונ מיט איר טויזענדע גלענצענדע שטערין · אונ עס איז גיווארין העכט ליכטיג · איך האב עס גינומען פאר איין גליקליכעס צייכען · אונ האב בעקומען ווידער מוטה · האב גיטריבין דעם פערדיל אונ האב גערופין דעם בעשעפער · אין דעם וועלבינין אויגינבליק האב איך אן גיהייבין צו שפירין אגרויסין שמערץ אין דער לינקע אויג · אונ דאס ניר נור דאס אויס נגדים איילענעם האב איך גאר ניט גיהערט דאס אצווייג וואס האט ארויס גישטארצעט פון אבוים האט מיר אויס גישלאגין דאס אויג · דאס בלוט האט מיר גישפריצט אויף דעם גיזיכט · איך האב אבער קיין צייט גיהאט וואס צו טאן דר צו · איך האב איר נור פאר בונדין אונ בין ווייטער גילאפין · אונ בין אזו גאט זייא דאנק ניקומין (לשלום) קיין פראג · עס וואר עלף דר זייגער אלס איך האב דיא טורעמס פון פראג דערזעהן : האלב צוועלף וואר איך שוין ביי דעם וואיענעם גוּבערנאטער · איך בין אריין צו אים גאר ניט גימעלדעטער הייה אונ האב אים איבער גינעבין דעם בריף פון קייזער · קוים האט ער עס איבער גילייענט · האט ער בעפוילין איין אפיציר דאס ער זאל מיט מיר אין דיא יודענגאס לויפין אום אן צו זאגין דעם פולקאווניק וואס ער האט אים בעפוילין דיא יודען ארויס צו טרייבין · דאס ער זאל עס אסטאנאוועו · נון האב איך מיך ווידער אויף דעם פערד ארויף גיזעצט אונ האב דיא (גזרה) פאר מאכט צו דער רעכטער צייט :

ר׳

ר׳ מרדכי איז געבליבן שטיל · אונ אלע זיינע צו הערער האבן געשוויגן פון (שמחה) · אזו אשטמה וואס וועלטן דאס אמענטש פילכי עס ווען אים לעבן · אונ דר נאך האט דער ר׳ מרדכי ווייטער אן גיהייבן צו ריידן ,נון איך האב נאך אזו נאר דעם סעקרעטער ניט גידאנקט פאר זיין (פעולה טובה) · דאך וועל איך אים עס ניט פערגעסן · דאס הייסט אין (מכיר טובה) אביסיל · דאס הייסט אפ גידינגט · נון מיינע ליבע ביילע האב איך דערבט גיטאן וואס איך האב איין אונבעקאנטן גירעטירט פון טויט. אונ אונגליק ? ניט וואר ?״ ,אונ ווי נאך״ האט זיא אים גיענטפערט ,גאט בעצאלט דיא גוטע מענטשן צעהען פאך אויך אין דיזעם (עולם)· אונ אלס דער רב האט גיפרעגט וואס פאר (אטובה) האט ער גיטאן דיזען יונגען מענטשן · אונ דיא ביילע האט עס גיוואלט דער ציילן · דא האט דער ר׳ מרדכי צו שלאגן אירע רייד · ,הער אויף ז״ האט ער צו איר גיזאגט ·,עס איז ניכטס׳ עס לוינט זיך גאר די מיהע ניט צו דער ציילן עס״ ,א מיין ליבער מאן !״ האט דיא ביילע אויס געשריען · איך טאר דיר שוין מער ניט ליבען דען דו ביסט מער אלס איין מענטש · דוא ביזט איין פרידענס ענגעל וואס האט זיך אויף דער ערד פון הימעל פעראירט אום צו לערנען די מענטשן וויא גוטעס צו טאן אונ ווידער צו רעטירן אונ צו טרייסטין״ :

האיש ההוא) דיזער ר׳ מרדכי איז שוין לאנג רוהען גיגאנגען צו זיינע עלטערין (דאס הייסט גישטארבין) · אויף זיין (מצבה) וואקסט שוין מאך · זיין אנדיינקן אבער לעבט נאך ביי דיא פראגער יודען ער איז נאך נאר פריש אונ נייא · דער עלטערער זון וואס האט ארויס גיקוקט אויף דעם סעקרעטער צו דעם ערסטין (סדר) האט גימאכט דעם (ספר ,צמח דוד״) וואס דארט איז בעשריבן דיא אידעשע היסטאריע ער הייסט (ר׳ דוד גאנז נ״ע) :